STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11464

FAR BAGIN

L. Popik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פּאָפּיק

פאר באגין

לידער

דעם ייִדישן [illegible] אַ מתּנה
אַ [illegible] ([illegible])
פֿון מחבר ל. פּאָפּיק

[illegible] 1982

פאַרלאַג „צוויט" בערעסטעטשקאָ

1939

„Far Bagin“ of L. Popik,
Shechunat-Borochow, — Palestine
Copiryght by D. Pouchalnik
Beresteczko-Poland.

Printed in **Palestine**

דרוקעריי „ליגא“, רמת־גן

דפוס „ליגא“, רמת־גן

„ווי פינצטער ס׳איז די נאַכט,
ווי ווייט צום אויפגיין פון דער זון...״
„די שוואַרצסטע שעה פון נאַכט
איז פאַר באַגין״.

היימישקייטן

ייד און היים

איך בין דאַרשטיק נאָך דיר, היים,
ווי די פאַרברענטע ליפּן פון דעם גייער
אין דעם מדבר־זאַמד פון דער פאַרלאָזנקייט
לעכצט נאָך אַ טרונק — נאָך אַ באַפרייער...

איך בין דאַרשטיק נאָך דיר, היים,
ווי אַ חיה, אַ געיאָגטע, אין וואַלד
זוכט די שפּורן צו איר היימאַטלעכער נאָרע,
אַנטרינען פון דער קויל, וואָס איר האַרץ שפּאַלט.

מיך האָבן דאָך אַזויפיל ווינקלען
געוואָרעמט דורך די טויזנטער פון יאָרן;
אָבער מיין היימגעפיל איז נישט געשטילט —
דורך אַל די יאָרן — קיינמאָל נישט געוואָרן.

און איך וויל אַרומנעמען מיט מיין געפיל
דאָס אָרט, דאָס שטיקל לאַנד,
ווי אַ פאַרלאָרן קינד, דעם האַלדז פון מוטער
מיט ליבנדיקער, ציטערדיקער האַנט.

און איך וויל זעצן זיך אין שאָטן פון אַ בוים,
און אויסשטרעקן די גלידער — אָט אַזוי — און רוען
און אויסטון זיך פון אַלע דאגות און פון האָס,
און זאָלן צייטלאַז לויפן זיך די שעהן.

און איך וויל אויסשטרעקן מיין רוקן צו דער זון
און זאָרגלאָז לאָזן זיך פון איר באַשטראַלן.
איך וויל פאַרגעסן אַלע וועגן, וואָס כ'האָב דורכגעשפּאַנט,
און יעדע עולה, ווי אַ שמוציק מלבוש פון מיין גוף זאָל פאַלן.

און איך וויל קושן יעדן שפּאַן פון אייגענער היים,
וואָס שטרעקט די אָרעמס, ווי אַ מאַמע מיר אַנטקעגן
און זאָגט: מיין זון, גענוג געוואַנדערט שוין,
רו זיך אויס פון אַלע דיינע וועגן.

מיר וועגנבויער

די דרעמלדיקע שטילקייט פון באַרגיקער מדבר האָט זיך צעשאַלט
פון אונזערע קלעפּ. פון אונז נייע וועגן בויער.
מיר האָבן זיך אַריינגעריסן, אין גוף אין שטיינערנעם
זיך איינגעבויערט
מיט הענט צו אַרבעט גיריקע, צעוויגטע ווי אַ וואַלד.

ס'האָט זיך דער שטאָל אָן שטיין צעקלונגען. טראָג עס,
ווידערקול, אַריבער!
ס'האָט אויפגעכאַפּט די פוסטקייט זיך פון לעבעדיקן קול;
עס ברעקלען פעלזן זיך און פילן תהומים אָן און גריבער,
און רייסן זיך אַראָפּ, דערגרייכן מוזן זיי דעם טאָל!

עס זינגען די גופים פון אַרבעט ס'מיפולע ליד,
ווען דער רוקן איז ציטריק דעם שאַרף פון מקוש נאָכגעלאָפן,
דאָס פּנים מיט שווייסיקע פּערל האָט זיך צעבליט,
זינגען מוסקולן, ווען דער האַמער דעם שטיין האָט געטראָפן.

ס׳האָט זון אַ ליכטיקע צום באַרג אונז שוין באַגלייט,
און גיי׳ן מיר זיכער דעם יונגען טאָג אַנטקעגן.
האָט דער טויט זריעה בלוטיקע צעווישן אונז געזייט
און פינף פּאָר שעפּערישע הענט אָן שטיין פאַרקראַמפּט געלעגן.

פאַר אונז איז אָבער נישט קיין צייט אויף אָבל, טרויער,
אַפילו, ווען דער טויט איז אונזער אַ באַגלייטער.
מיר האַקן ווידער אינם באַרג, מיר וועגן־בויער,
ס׳איז ווייט דער כביש ביז סוף — געאַרבעט ווייטער!

---

*

מיין הייזל אויף באַרגיקער הויך אַליין זיך געבויט.
אָן הילף פון אַ פרעמדן; אַליין זיך אַזוי אָפּגעמיט,
ביי מיין ווינקעלע האָב איך אַ שאָטן פאַר מיין מידער הויט,
וואָס טריקנט זי פון שווייס און איך האָב וווּ צו רו׳ן.

איז זומערנאַכט, דער הימל פינקלט דורך מיין פענצטער־ראָם
צו מיר אין שטוב, ווי רופן זאָל ער מיך אַרויס,
כ׳זאָל עטעמען דעם חלל, הערן צו צום ווייטן רויש פון ים.

איך זעץ מיך מיט מיין רוקן צו מיין הויז,
איך וואַרט — איך האָרך. איך בין נישט מיד, ס׳איז אויך נישט קיל.
ס׳איז גוט צו זיצן אָט אַזוי און זאַפּן איין אין זיך אָט דעם אַרום.
און דוכט זיך מיר, ווען כ׳לייג זיך אַזוי שטיל אַנידער
מיט מיין אויער צו דר׳ערד, הער איך דעם טיפן אָטעם פון דערוועלט.
און איך בלייב שטום.

*

עס בלענדט די ליכטיקייט, דער טאָג איז לויטער זון.
קיין ווינטל נישט — די היץ, זי ציטערט שטיל.
איך וואַנדער, — דער הוט פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיר —
איבער פֿעלדער זאַמדיקע, ס'איז ווייט נאָך ביזן ציל.

איך שפּאַן פֿאַרויס, ניט אָפּשטיין אין דעם וועג!
די זון באָדט מיך און טרוקנט מיר דעם שווייס.
צעפּלאַצט די ליפּן. די טוריע אויפֿן אַקסל, — שווער.
אַ פֿאַרנעפּלטער דער מוח שאַפּט איין באַגריף: ס'איז הייס.

איך גיי — דאָך ס'איז נאָך ווייט מיין שטוב:
דאָרט וואַרט אויף מיר אַ קילער אָרט און גרייט
אַ קאַלטער טוש און אַ זאַפּטיק אָוונט־ברויט...
דער טאָג איז לויטער זון, עס בלענדט די ליכטיקייט.

רעמיניסצענצן

פֿרי אין מאָרגן. זוניק, קיל און מונטער.
מזרח־מאַי: דער אָנהויב פֿון דעם ווינטער
ליגט פֿאַר מיר אַזוי צעלייגט,
רייכקייט פֿונ'ם ליכט און כלערליי פֿאַרבן
אַ שטייגן פֿון בערג ביזן הימל. און אַ ים האָט אַוועק זיך געלייגט.
אַט האָסטו טאָג און שוין וועט ער שקיעהדיק שטאַרבן
אין פֿלאַקער פֿון ימיקע כוואַליעס,
וואָס זענען באַגאָסן מיט גליענדיק קופּער און גאָלד.
און — וואָס װאָלסטו מער נאָך געוואָלט?

אַט דעקן די זאַמדן מיט יונגענקן גרין,
ס׳ציטיקט די פרי זיך צווישן די בלעטער.
עס שמייכלט אָפּער אַ געוואַשענע זון
צווישן כמאַרקעלעך צעפליקט און צעשיטע...

דו קלערסט אַלץ פון מאָרגן, פון שפּעטער.

אַ קעלט האָט דיך פלוצים באַנומען,
אַ קעלט, ווי אויף פּויליש־האַרבסטיקע וועגן,
ווען עס טריפט אַזאַ דראַבנינקער רעגן
פון אַ הימל מיט גרויקייט פאַרנומען
און געוועזן איז ער — אַ בלויער...
אַ קעלט האָט פאַרכאַפּט דיך, נישט טרויער.
און טרעטסט... דער מלבוש, ווי נאַס איז!
קיין פאָדים איז מער אויסער וואַסער!
און דערצו נאָך אַ ווינטל אַ קילער
האָט דיר געבלאָזן אין רוקן.
און לײדיק, דאָס פעלד ביי די זייטן
זעסט גאָרנישט, נאָר גרוי אין דער ווייטן
און צוריק, איז כדאי נישט צו קוקן.

אַ קעלט, ווי אַן אומעט אָנסופיק,
ווי וואָלסט זיצן אין פינצטערע שטובן,
אָן לאָדן, די פענצטער צעבראָכן
אין אַ הויז, ווו אַליין ביסט פאַרבליבן
אין חושך, ווי אַן אויג אויסגעשטאָכן.
און עס יאָגן די ווינטן דורך לעכער
אַריין און אַרויס ווי די שדים.
דער דאַך איז מסתמא צעלעכערט,
ווייל עס קאַפּעט אַראָפּ פונעם בוידעם.

איז טאָגיק, איז זוניק דער דרויסן,
איז פּראַכט מיר צעלייגט רייך אין פאַרבן.
וואָס מאָרגן וועט זיין, בין איך אויסן,
מאָרגן, אַ פרייד אין דער וועלט וויל איך פילן,
זאָל אַ מענטש ווי אַ קינד זיך נאָך שפּילן,
ר'זאָל פאַרגעסן אין האַס און אין הונגער,
די נשמה זאָל ווערן אים יונגער
און ניט בלוטיק גוסן און שטאַרבן.

מיין צריף

מיין הייזל, עס בלאַנקט נישט אָפּער צווישן גרינעם,
עס איז נישט באַפּוצט מיט טעראַסן, ווערענדן,
אָן שויבן. דורכן דעכל אין ווינטער וועט רינען....
עס שטייט זיך פאַריתומט אויף אַ בערגל פון זאַמדן.

אָרום, נישט פאַרצירט מיט קיין גאָרטן פול בלומען.
אָפילו די ווענט זענען אָרים, נישט פעסטע,
אויס ברעטלעך פיר ווענט זיך צוזאַמענגענומען.
דער דאַך איז פון פאַפּע פון שוואַרצער, אָט זעסטו.

און שטייט זיך אין זונשיין אַשגרוילעך — גאַנץ אָפן
פאַר ווינטן און היץ און גליאיקע חמסינען.
אַ בוים פאַר אַ שאָטן? — האָסטו נישט געטראָפן.
די וואַנט ברענט ווי פייער נאָר וואָס אָנגעצונדן.

די לעכער פון הייזל די אָקאָרשט פאַריכטע,
די, זעסטו? — דאָס זענען זיין וואונדערגעשיכטע.

ארבעטסלאזער אין דער מושבה

פון אונטער דער פאַרגליוערונג פון גרויען טאָג
רייסן הייסע שטראָמען זיך. עס שוימט פאַרגאָסן בלוט און זידט.
ווען אַפילו ס׳הענגען אָפּגעלאָזן אַקסלען, און די הענט, ווי מיד,
און פאַרמאַטערט שאַרן פיס זיך, אַ טריט און נאָך אַ טריט.
און נישט פון אַרבעט שווערער, מען איז נישט אָפּגעפּלאָגט,

דאָס דריקט אַזוי דער וואָלקן שווערער אויפן קאַרק,
דאָס האָט צעשריגן זיך די האָפנונגסלאָזיקייט אַזאַ געוואַלט,
אַז דער אָטעם ווערט פאַרכאַפּט, — „איך קאָן נישט מער״, און באַלד
ברעכן זיך די קני, אַן אויסגעמאַטערטער אין מיטן גאַס מען פאַלט;
ס׳איז אויסגעלאָשן ווי אַן אויג דאָס לעצטע קאַנעצל פון גלויבן קאַרג.

ווייל — האַלטן זיך אויף איבער וואַסער דאַרף מען זיין געניט.
כוחות דאַרף מען האָבן פעסטע, אַ שטאַרקן גוף, געזונד,
און אויף אַ ברויט, — אַ מטבע קלינגענדיק און רונד,
און נישט אין בוזעם, אַנשטאָט בטחון, אַן אייטערדיקע ווונד.
אַ פאַרביטערטס טאָפּט אין פינצטערניש זיך דאָס געמיט.

עס צעטרייסלט נאָך די נאַכט פון קוילן אַ געוואַי,
כאַפּט מען אויף זיך לעבעדיק. אַרויס! און נישט געטראַכט!
און לאָזן אויס פאַרביטערונג, ס׳האַרץ זיך פריי געמאַכט
צום שונא, וואָס ער לויערט, ווו אין שאָטן פון דער נאַכט,
דערנאָכדעם קומט מען אויפגערעגט און אָפּגעשפּאַנט אַזוי...

אין שטאט

צווישן הייזער בלייכע און שטומע
זיך אַרומגעדרייט,
ווי אַ ווינט אַ פוסטער,
דער אַרבעטסלאָזער.
האָט צו אים דער נאָכמיטאָג,
דער שפּעטער,
אָט אַזוי געזאָגט:
„אַ, שוטה, וואָס דו ביסט!
דו האָפסט און וואַרטסט — אומזיסט!
די שטיינערדיקע שורה פון דער גאַס,
זי לאַכט דיך אויס
מיט יעדן איינצל בלאַנקנדיקן הויז,
יעדער שטאָק באַזונדער, מאַכט עס פון דיר שפּאַס“.

האָט ער אַ נייעם דריי געטון זיך און אַוועק,
אַראָפּ צום זאַמדיקן ברעג,
וווּ כוואַליעס איילנדיק גיך,
טוליען און לאַשטשען און גלעטן
די שפּורן פון טויזנטער פיס.
שיקט די זון שוין איר לעצטן גרוס —
איר גאָלדענעם פלאַם:
זי טוקט זיך אין ים.
האָט דער אַרבעטסלאָזער צריק
אַ דריי געטאָן זיך מיטן פּנים צו דער שטאָט,
און זע: אָט
די שויבן אַלע מיט פלאַמיקן גאָלד אַ בלענד —
מתנה פון דער זון מיט פולע הענט.

מײַן ליד האָט זיך צעזונגען

מײַן ליד האָט זיך צעזונגען איבער פאַרביק, רעשעדיקע גאַסן,
פון פרישן גרין, אַ העלן געל און בלוטיקן רויט,
מיט אַ געבעט פון שוויַיגנדיקע, הונגעריקע מאַסן,
פון אַ שטומען גומען, וואָס ער וואַרט אויף ברויט.

זינג מײַן ליד, דאָס וואָיעריי פון מערדערס טויטנדיקע קוילן
אין אַ שטילער, דרעמלדיקער נאַכט.
און צעשריי זיך מיט אַ קול אַ הייזעריקן, הוילן:
דער טאָג מיט מתים בלוטיקע האָט אויפגעוואַכט.

צעזינג זיך ווילד, אַז הייזער טונקעלע אין אַלטשטאָט זאָלן הערן
מיט אַ טויט־געשריי און אַ געקוויטש פון שוואַרצן האַס.
איצט שטילער קלינג מײַן ליד, עס שפּרייט אַ דעק זיך פון
אַ טרויער אַ שווערן,
ווען אַ לויה ציט זיך, דורך אונזערער אַ גאַס.

און צעפלאַטער זיך מיט הערצער ציטריקע אויף אַלע וועגן
פון דעם פאַרביק גרינענדיקן לאַנד.
ס׳איז ווער אין אַ גרוב, ווער אונטער שטיין געלעגן...
אין פּייף מיט קוילן פון אַ מערדערישער האַנד.

און דורך דעם קלאָגעדיק געבעט צו אַללאַ, שטייג אין דער נידער,
נעם מיט פון הונגעריקן דעם הילפלאָז שטילן קלאַנג,
ביי יענע, וואַרטנדיקע, אויסגעמוטשעט, אַרבעטסלאָזע גלידער
און זינג פון מזרח־לאַנד — אַ טרויער־געזאַנג.

די האַנט

איבער בוים, איבער פעלד, איבער לאַנד,
צווישן פעלזן באַרגיקע, ווילד,
שפּרייזט אַ שפּיניקע האַנט.
די פינגער, שפּיניקע, פּיס,
די דלאָניע — אַ בויך פון אַ שפּין,
באַהאָרט און באַוואַקסן — אַ בילד
פון אַ גרויסער, האָריקער שפּין.
און שפּאַנט זי אַזוי אינעם טאָל,
געבראַכט אים אַ באַרגיקן גרוס.
ברענט אָפּ דאָס פעלד מיטאַמאָל;
פאַלן גרינע די ביימער, ווי טויט,
צעהאַקט זייער זאַפטיקן שטאַם.
און דער וואַלד האָט פייערדיק רויט
געשיקט צום הימל זיין פלאַם.
אין פינצטערער נאַכט האָט די האַנט
געלויערט ביים בליענדן ראַנד,
געהאָרכט און די אויגן געשפּיזט,
און איבער דעכער, בעטאָנענע ווענט
האָבן קוילן געניסטערט, געזוכט.
דאָס האָט די האַנט אָפּגעגרוסט,
ווען צוריק אין די בערג זיך געווענדט,
פאַרדעקט מיט דעם נאַכטישן טוך.

קומט צום דאָרף, ווי פאַרהאָרעוועטע לייט,
שלאָפן שווער פון טאָג־מי און האַרט,
רופט די האַנט דורכן טיר־ברעט און שרייט:
„קום, זע נאָר, וואָס דיך דאָ דערוואַרט".

שפּאַנט ווייטער די האַנט באַרג אַראָפּ,
פון חוּיינענדע קולות באַגלייט.
ביי דעם טיר־בּרעט צעשפּאָלטן דער קאָפּ,
און בלוט־טייך לאַנגזאַם פאַרגייט.

פול בלוט אַנגעזויגן דעם בויך,
האָט פאַרוואָרפן נאָך פעדעם די שפּין.
שאַלט אַ שאָס דורך דער נאַכט אַזוי הויך!
ווו יאָגט זי, די קויל, וואָהין?...

ביים אנהויב שמירה

ס'האָט אַוועקגעלייגט זיך אַ שמייכל אַ גאָלדענער איבער וואָלקנס,
זשמורעט אַ שטערנדל צעווישן אַ פּאָכיקן פליגל.
טיף און לויטער איז דער קאָפּול איבערן קאָפּ.
ס'האָט אַן אָטעם געטון — ס'ציטערן די שפּיצן פון די קיפּאַריסן,
אַ טרייסל אויפגעוועקט דעם טרוקענעם רויש פון עוקאַליפּט,
איז דורך מיט אַ דרעשטש פון ים ס'געקומענע ווינטל.
און ווייט, ביים אָנהויב פון בערג, לייכט זיך אַ דערפל,
צוזאַמענגעטוליעטע קעסטלעך פון צינדערס,
העלע, באַשיינטע פון לעצטן שטראַל פון דער שקיעה.
אַ שלוה האָט אַוועקגעלייגט זיך איבער דער וועלט.
אַ טאָג, אָנגעפילט מיט מעשים, מיט אויפטו איז צייטיק
און געננוג — ס'איז זיינס שוין אַריבער, דאַרף אָפּגיין,
עס קומט אָן די צייט אָפּצורוען.
און שווערסט, אַז די רו האָט דעם פליגל פון סאַמעט
צעלייגט ביי די זוימען פון אַלע פיר עקן פון וועלט,
ווייל — זעסט דאָך:
ס'האָט אַוועקגעלייגט זיך אַ שמייכל אַ גאָלדענער איבער וואָלקנס,

און אַ שטערנדל זשמורעט, אַ ליכטיקער אויגל צעווישן
דעם שוועבנדן פּאַך.
... הריגות, טייכן בלוטיקע? קאַשמאַרן־שגעונות, נישט מער
נאַר, ווי שקר!
אויפרייסן פון באַמבעס און אַ קנאַלן פון מערדערשע ביקסן?
זיי זענען אַן עכאָ פון אַן איבערגעשפּאַנטן נאַר חוש,
וואָס איז געוואָרן צערייצט פון געוואַלט און גיפטיק שפּייענדן האַס,
און פאַרנעפּלט געוואָרן פון אַ קאַכעדיק בלוטיקן רויש.
ס'איז שוין אַריבער... ס'איז אַלעס געוועזן:
קאַשמאַרן, שגעון און שקר.
די שלוה די בלוילעכע איבער די בערג,
די רו, וואָס צעלייגט זיך, ווי אַן אָטעם אַ טיפער...
און האָרך — ס'רעדט דאָס דער אָוונט:
(עס פינטלט דער שטערן צעווישן דעם פּאַכיקן וואָלקן)
נישט מיט ברויזן פון שטורעם, נישט מיט צעטרייסלונג פון דונער
און בליץ,
דערציילט קוים רוישנד, אַ סוד — דעם אמת.

קעלניע און ביקס

די קעלניע ליגט פאַרזשאַווערט,
די ביקס איז גוט געפּוצט,
די ביקס אַ גוטער חבר —
קומט אַלע וויל צונוץ.

נאַר איינער נאָך, דער אַקער,
שניידט גלאַנציק דורך דאָס פעלד.
און אין אַ האַנט אַ שטאַרקער
האָט זיך די ביקס געשטעלט.

און וואַכט און היט פאַרזיכטיק,
ווייל אונטער בוים און שטיין
קאָן לויערן ווער... און טיכטיק
זיי, ביקס! העלפסט נאָר דיר אַליין.

ווען דורך דער שטילער לאַנדשאַפט
אַ שאָס צעוואָיט זיך פויל,
מיטן חבר שליס באַקאַנטשאַפט
און ענטפער קויל אויף קויל.

די פעלזן ווערן רויטלעך,
די ערד ווערט אָנגעזאַפט
מיט בלוט פון וווּנדן טויטלעך,
ווען ווער אַ קויל דערטאַפט.

און גופים איינגעשמירטע
אין שטויב, אין בלוט און האַס,
ליגן זיי, פאַרפירטע —
אין בערג — פון משוגעת.

און אין די לופטן פילט זיך
אַ בלוט־דאָרשט ווילד און בלינד,
האַלט איין און נישט געשטילט זיך
ווי אַ שטאַרקער אָסיען־ווינט.

די ביקס איז איצט אַ חבר, —
די צייט איז שוין אַזוי:
די קעלניע ליגט פאַרזשאַווערט,
וואַרט — חלומט פונעם בוי.

אויף ירושלימער וועג

אַ ווינט האָט אָן באַרג זיך געבייזערט,
דער טונקל געבראַכט האָט אַ קעלט.
אַ טעמפּ קול רעדט שטיל און הייזעריק:
„יאַ־שאַבאַב, די ביקס אָנגעשטעלט!"

עס וויקלט די נאַכט אין אַ טונקל
דעם געשלענגלט אַספאַלטענעם וועג.
די לויף האָט אַ ליכט איצט צעפינקלט,
אַ שאָס האָט אויפגעוועקט בערג.

אים האָבן געענטפערט אַ קראַכן
פון ראָוון אַרויס, אונטער שטיין.
און פייעריקע ביקסן לאַכן,
זיי ענטפערן בערג מיט געוויין.

די אויגן פון אויטאָ — לאָמטערן —
זיי טאַפּן דעם וועג פון אַספאַלט,
שוין וועט ער זיך איבערקערן
און ליגן אין אָפּגרונטן באַלד?

צי האָבן די קוילן געטראָפן?
וואָס שווייגט מען אין אויטאָ? ער פליט!
עס קלינגען די שויבן... אַנטלאָפן?
ניין, די מאַשין זי שטייט שוין שטיל...

באַשיטן זי קוילן — עס רעגנט,
עס האָגלט מיט מערדעריש בליי.

פֿאַרשטומט זענען באַרגיקע וועגן
נאָכן עכאָ פֿון טויטלעך געשריי.

„קום, יוסוף, מיר האָבן געענדיקט;
ס'ווערט שפּעט שוין סיי ווי סיי.״
ס'האָבן בערג זיי פֿאַרשלונגען ווי שטענדיק,
ביז עס ווייזט זיך אַ ליכט אויפֿסניי.

צום ברידערלעכן שכן

אַיעדע באָמבע איז נישט נאָר פֿון בלוט אַ שטראָם.
אַיעדער קנאַל פֿון ביקס, נישט נאָר אַ טויט־געשריי,
צווישן מיר און דיר וואַקסט טיפֿער אַלץ דער תהום.
ווען וועל איך קענען קוקן דיר אין ד'אויגן פֿריי?

אַז צווישן אונז מיין ברודער־שכן אַ באַרג קרבנות ליגט,
אַ טייך אַ גאַנצער פֿול מיט מענשן־בלוט.
די שנאָה בליצט פֿון אויג, אַ האַס אין האַלדז דיך שטיקט.
ווען קאָן צווישן דיר און מיר נאָך ווערן גוט?

אַז יעדן טאָג וואַקסט טיפֿער אַלץ דער ריס;
טאָג איין טאָג אויס וואַקסט העכער אַלץ דער באַרג
פֿון גופֿים טויטע, דאָס מענשלעכע צעטרעטן מיט די פֿיס.
אַ ברידערלעך געפֿיל? — דערשטיק, דערוואַרג!

זאָג, ווען וועט די האַנט, וואָס האָט דעם טויט געשיקט,
דאָס מויל, דאָס שוימיקע, וואָס האָט געשריגן: שטאַרב! —
העלפֿן, אַז דער תהום זאָל ווערן איבערבריקט
און טרייסטן: אַ וווּנד באַקומט אַ נאַרב.

*

עס שלאָפט דאָס הויזגעזינד, די שעה איז שפּעט;
דער נאַכט־לאָמפּ מיינער וואַכט — מיט אים מיין ווײ,
אַ יעדן אָוונט פאַר מיין גיין צו בעט,
און שרומפּט מיין האַרץ, עס ראַנגלט מיט אַ שרײ.

ווער ווייסט מיט וואָס דער מאָרגן אויף מיר וואַרט,
די גרעסטע פאָרזיכט א קלייניקייט פארפאַסט,
און איך ליג בלוטיק שוין— און גלייך פאַרשאַרט.
דאָס קומט אַזוי דער אומפאַרהאָפטער גאַסט.

און איך בין שולדיק וואָס דער וועלט. נישט אָפּגעצאָלט
דעם חוב דעם גרויסן, כ׳האָב אים נישט געדעקט.
איך וויל נישט גיין, כל זמן מיך דריקט די שולד.
כ׳האָב אַלע אוצרות מיינע נישט אַנטפּלעקט.

מיין מידן גוף כ׳האָב אויסגעשטרעקט און בעט.
קומט גלייך און נאָגט דאָס מאָנענדיק געפיל,
ווער ווייסט, און אפשר מאָרגן שוין. — איך בעט
אין שפּעטער נאַכט אַריין — אַרום איז שטיל.

נאשנטם

די איבעריקע צאל

ווי שאָלעכץ נוצלאָזע און אויסגעשיטע,
געפאַלענע אין מיטן וועג דאָ, שטערט זי;
וואַרפט מען זיך מיט פסולת דעם נישט־גוטן —
און יעדער איינער פון זיין שוועל איצט קערט זי.
— — — — — — — — — —

דאָרט האָט מען געהייסן! און ווין האָט אייך פאַרטריבן,
אויף דער גרענעץ וואַלגערט איר זיך, קיינער וויל אייך האָבן!
האָט איר זיך איצט ביים ברעג פון דאַנאַו אויפגעקליבן
— ווי אַמאָל ביי בבלס וואַסערן — אין טרויער פאַרגראָבן.

נאָר איר טרויערט נישט. עפּעס שווערערס דריקט אייך ווי אַ טרויער.
נישט איר האָט אויפגעהאָנגען אויף די צווייגן די צימבלען
און די פלייטן.
פאַר אייערע אויגן איז דער האָריזאָנט אַן אייזערנע מויער:
קיינער וויל אייך נישט און קיינער וועט אייך רעטן.

איז וואַרפן זיך אין וואַסער און — אַ סוף זאָל נעמען?
צי לייגן זיך אַנידער אַזוי הילפלאָז דאָ און וואַרטן
ביז עס שליסן זיך די אויגן אונטער מידע שווערע ברעמען
ביי דעם מוטנעם וואַסער — אויף דעם געלעגער האָרטן.

דאָך, עס קומט וועך! עס קומען היטלערס לייטן
און שלעפּן אייך און טרייבן אייך און רייסן,
ווי אַמאָל נבוכדנצרס זעלנער פלעגן אייך באַגלייטן
אויף וועגן זאַמדיקע אין מדבר הייסן.

און פירן אייך אין גלות אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.
ביז עס קומט די קוים דערוואַרטע שעה פון גאולה.
ס'איז איצט נישט קיין גלות, פיל ערגערס איז געוואָרן:
אַ צאָל אַן איבעריקע אָפּמעקן. ס'איז נישט קיין ווייטיקפולע

מענטשן, צעשטערט אין זיי די לעצטע האָפנונגס־פונקן, —
אַלץ ביי זיי פאַרנומען, אפילו מ'וואַנדערשטעקן!
דעם לעצטן הילף־געשריי אין טרערן און אין בלוט דערטרונקען!
נאָר אַ צאָל אָפּמעקן פון וועלטן־טאָוול, נאָר אָפּמעקן.

היימפּאַרלאַרענע

עס ווילט זיך נישט גלויבן — גאָר!
ס'איז מעלאָדראַמאַטיש די וואָר:
ס'איז נישט קיין ציַיטונגס־טעלעגראַמע,
נאָר די וונדער־מעשה, וואָס דערציילט האָט אונז די מאַמע,
פון מכשפות בייזע און פון רוחות שלעכטע,
וואָס מאַטערן נפשות גוטע און גערעכטע:
אַז קינדער וואַנדערן אויף גרויס־שטאָט־גאַסן
אָן אַ מוטער־האַנט אויף ברוקן נאַסע,
אָן אַ היים און אַ ביסן עסן,
ווי גאָר די וועלט זאָל האָבן זיי פאַרגעסן,
ווי גאָר די וועלט וויל פון זיי מער נישט וויסן!
פון מוטער־שויס די פיצלעך אָפּגעריסן
און אָוועקגעשליידערט זיי צווישן הייזער־שורות
(די צוקונפט פון די קומענדיקע דורות!)
האַלב־נאַקעט, באָרוועס, מיט זוכנדיקע בליקן;
און אפשר וועט אַ נס דער הימל שיקן,

און אפשר עפנט עמיצער דעם לאָדן
און וואַרפט אַ שטיקל ברויט אַראָפּ צום באָדן,
עס עפנט זיך אַ טיר זיי צו פאַרבעטן
אין אַ שטוב אַ וואַרעמער און לייגן זיי אין בעטן
און שלאָפן ביז — דער מאָרגן וועט זיי וועקן
פון חלום שווערן מיט די אַלע שרעקן.
דאָך, ניסים טרעפן מער זיך נישט אויף היטלער־גאַסן;
דיווירקלעכקייט, זי וויל נישט מיט קיין חלום שפּאַסן,
אַז קינדלער צענדליקער, אָן טאַטע־מאַמע
(מען האָט זיי אויסגעהרגעט מן־הסתמה
אָדער אין לאַגערן פאַרשיקט געוואָרן.)
גייען — אַזאַ קליינוואַרג — האַלב־פאַרפראָרן
מיט אויגן זוכנדיקע נאָך אַ ביסן עסן
און ווייסן זיך נישט ווו צו ווענדן, און מיט אַ שטומען פרעגן...
דאָך קיינער ענטפערן וועט זיי זיך נישט דערוועגן;
גאַנץ היטלער־לאַנד האָט שוין אין זיי פאַרגעסן...
דאָך, מיר וועלן עס דורות־לאַנג געדענקן.

לעצטע פרייהייטס־קעמפער

מוטלאָז פאַלט די אויסגעשטרעקטע פויסט,
פול זאָרג דער שטערן בויגט אַראָפּ זיך שווער.
דער צאָרן האָט פון לאַנג זיך אויסגעברויזט,
אָן האָפנונג פאַלט די האַנט מיט דעם געווער.

אויף דעם פאָסטן כ'האָב זיך דאָ געשטעלט, —
נישט נאָר פאַרטיידיקן מיין היים — נאָר מיך!
האַלטן פאָר דעם חורבן אויף אַ וועלט
אַ פרייע, וואָס זי גלויבט דאָך נאָך אָן זיך!

נאָר מיט מיר פאַרלאָרן גייט די שאַנס
די לעצטע פון אַ ברידערלעכן בונט.
וועלט! דו אָבער ביסט פאַראורטיילט גאַנץ!
מען וועט דיך, פרייהייט, וואַרפן פאַר די הינט!

אין שענדלעכער פחדנות, ווי פאַרראַט,
לאָזט איר אין בלוט מיך דאָ פאַרגיין.
דער שונא איז פון מיין בלוט נאָך נישט זאַט!
ער קומט צו אייך, ער שטשירעט שוין די ציין!

און איבער מיר און מיין צעטרעטענעם גוף,
שפּאַנט דער שטיוול פון פאַשיסטישן סאָלדאַט
צו אייך! — און וואַכט! הערט איר מיין לעצטן רוף?
דער שונא איז פון מיין בלוט נאָך נישט זאַט;

דאַן איבער אייך, אין שיין פון אונטערגאַנג,
ביים בראַזג פון באָמבע, דונער פון גראַנאַט
צעשאַלט זיך יענער שרעקלעכער געזאַנג,
דער מאַרש פון דעם פאַשיסטישן סאָלדאַט.

אין פּיין און מאַטערניש פון גוף און גייסט
שטאַרבט אָפּ די האָפנונג פון אַ ברידערלעכן בונט,
און — לעצטער קעמפער הויבסט אויף די פויסט און שרייסט:
אַ, וועלט דיין פרייהייט וואַרפט מען פאַר די הינט!

שפּאַניענס פאלק

ביסט פאַרטומלט, דיין ווי איז פאַרשריגן
מע וויל דיך בכלל גאַרנישט הערן.
וואָס איז דען היינט בלוט און וואָס טרערן?
פאַרחוזקט — מיט באָמבעס באַשפּיגן.

איבער אַ נבלהשע סעודה שאַקאַלן
צעטראָגן זיי דעם עיפּוש, די סריחה
און ברענגען דיר די פריי, יענע גיכע:
פון הינטן אין רוקן באַפאַלן.

איצט זינגען זיי אַ ליד פון נצחון,
שטייף אויסגעפּוצטע גענעראַלן,
איבער טויזנטער געהרגעטע גופים...

מיט יאוש דיין מי און דיין רופן.
צעטרימערט, פאַרחרובט, צעבראָכן...
איבער דיר שטשירען ציין די שאַקאַלן.

ביי א בלאט-צייטונג אין בלאטע

אין טריבן, האַרבסטיקן רעגן־וועטער,
אין אַ שטעטל פון פראָנט, ביי סאַראַגאָסאַ,
וווּ פון צעטרימערטע דעכער זעען זיך די ברעטער,
און גאַנצע גאַסן מיט הייזער צעשאָסן, —
גייט זיך פאַרביי די אויפגעריסענע גריבער
מיד אַ סאָלדאַט. קוים זיינע שטיוול שלעפּט ער אין רעגן.

און ביי אַ בלאָט צייטונג, וואָס איז אין בלאָטע געלעגן
איז ער פּלוצים פאַרקוקט אין איר, פאַרגליווערט, שטיין געבליבן:
„די יאַפּאַנער פאַרכאַפּן שוין נאַנקין...״
האָט ער געלעזן אין טאָג־שיין אין טריבן.
ער שטייט געבוקט אַזוי, פאַרטיפט אין די — געדאַנקען,
זיין פּנים גרענעצלאָז באַדעקט אַ טרויער,
און לאַנגזאַם, ווי פאַרלאָרן, בלאַנדזשען זיינע בליקן
דורכן רעגן אויף דעם חורבן — נאָר ער גלייכט אויס דעם רוקן,
און באַלד, האָט ער זיין קאָפּ און זיין פויסט אויפגעהויבן —
און ביי אַ שפּאַנישער צעשאָסענער מויער, —
ווען פון זיינע גליענדיקע אויגן שיינט גלויבן, —
זאָגט ער מיט אַ קול אַ דערשטיקן אַריין אין דעם דעמער:
„איר שעכט אויס די מענשן, אין כינע, ווי סטאַדעס
צוזאַמענגעטריבן אין אַ שעכטהויז, די טויזנטער לעמער.
איר מאַכט חרוב מיין היים און איר מיינט, ס׳וועט אייך געלינגען,
ווען קוילענדיק אויס ביז צום לעצטן אויף די באַריקאַדעס,
דערשטיקן דעם אמת, וואָס רייסט זיך אַראָפּ פון טויטע נאָך צונגען;
דאָך עס מוז זיך אייער געוואַלד פון דעם געפּאַנצערטן אָרעם,
צעברעכן איבער אונזער ווילן אין אַט דעם בלוטיקן שטורעם!״

אקארדן ביים פאלן פון בארצעלאנע

אין דונער און געבראַזג פון אונטערגאַנג,
אין צעטרימערונג פון דיינע מויערן,—
דערהויבט זיך איצט מיין איכהדיק געזאַנג
דיך, באַרצעלאָנע, צו באַטרויערן.

דער הונגער האָט געיאָגט גאַס־אויס, גאַס־איין, —
און צעברעקלט, אָפּגעשוואַכט די רייען,

טויט די וועלט געווען איז אויף דיין הילפסגעוויין:
קיין האַנט איז נישט געווען ז׳זאָל העלפן דיך באַפרייען.

מיט לעצטער אָנשטרענגונג און שריט נאָך שריט,
געשפּאַרט פון איבערמאַכט, איז מען צוריקגעגאַנגען,
מיט טויזנטער גראַנאַטן האָגלדיק באַשיט,
געשפּאַרט פון טאַנקען לעגיאָנערן און פאַלאַנגען.

געווערט זיך בלוטיק מיט די בלויזע אָרעמס
אַקעגן איבערמאַכט פון שוואַרצע לעגיאָנערן;
אויפגעהאַלטן וואָכן־לאַנג די שטורעמס
מיט שפּיצן פון באַגנעטן און געווערן.

און איצטער האָט דער שונא נאָכאַנאַנד
מיט פריש געקומענע כוחות זיי צעבראָכן —
די פאַרטיידיקער. אָפּגעשוואַכט זייער האַנט,
וואָס האָבן אויסגעהאַלטן וואָכן איבער וואָכן.

און זי, די גאַנצע וועלט, האָט צוגעקוקט,
ווי דער לעצטער פרייהייט־שריי, ער ווערט דערוואָרגן.
קיין האַנט האָט זיך אַ ריר געטון און הילף געשיקט
צו ראַטעווען דעם מענשנס זונעדיקן מאָרגן.

באַגאָסן מיט דעם בלוט פון דיינע טרייע זין,
באַדעקט מיט מתים זענען דיינע וועגן,
באַרצעלאָנע. איבער חורבות רויכערדיק די זון
הויבט אויף זיך אַ פאַרוווּנדעטע, וויל פרעגן:

איז דאָס די שטאָט, וואָס האָט די פויסט
געשטרעקט צום שונא: מיר לאָזן נישט אַריבער?!

און איבער נאַכט אַ שוואַרצער שטורעם זיך צעבראַוזט
געמאַכט פון אַט דער שטאָט אַ הויפן שטיין און גריבער.

און אין דעם שיין פון פרייהייטס־אונטערגאַנג,
אויף דיינע חורבות וויל איך דיר באַטרויערן:
זאָל דערהויבן זיך מיין איכהדיק געזאַנג
איבער דעם פאַשיסטן־ליד אין דיינע מויערן.

ביי פרעמדער גרענעץ

זיי האָבן זיך מידע אַוועקגעלייגט
אין ראָוו ביי דעם וועג, און מיט בליקן האַרטע
פאַרקוקט זיך ווייט, ווי זאָלן גאָרנישט זען.
און האָבן אַלעס געזען: ס'איז מער גאָרנישט צו דערוואַרטן.
אַ שטילקייט האָט זיך צעקלונגען אַרום: דער טאָג, ער שווייגט,
ווי פאַרביסן אין זיך. ס'איז שוין געשען.
און איינער צום צווייטן האָט נישט גערעדט,
(ס'איז אַ סאַך וואָס געוועזן צו ריידן)
ס'האָט אַרומגענומען איינער די קני מיט די הענט,
אַן אַנדערער האָט זיך די שלייפן געגלעט.
דאָך צו קוקן אין די אויגן, כדי עס צו פאַרמיידן,
האָט זיך איינער פון צווייטן אָפּגעווענדט, —
ווי זיי זאָלן זיך שולדיק פילן...

און טיף האָט דער צער זיך אין האַרצן פאַרגראָבן,
געקוקט פון דער טיפקייט מיט אומעטע אויגן,
אַראָפּ אויף די מעשענע קנעפּ פון מונדיר.

דער טרויער געקלאַפּט האָט מיט פליגל פון ראָבן,

וואָס זענען פון שלאַכט־פעלד אַריבערגעפלויגן
זאַטע זיך זעצן אויף אַ צווייג איבער דיר,
שוואַרצע ווי די העמדלעך פון די לעגיאָנערן,
וואָס האָבן פון אייגענעם לאַנד זיי פאַרטריבן
אַהער צו דער גרענעץ פון פרעמדער מדינה.
„און איך ווייס נישט צו וואָס כ'בין נאָך לעבן געבליבן
קלערט איינער — בכדי נאָך די פרייהייט צו ליבן,
צי צום טראָגן אין האַרצן די זודיקע שנאָה
צו מערדער פרעמדע און אייגענע פאַרברעכער,
וואָס האָבן די היים אין אומגליק און אין בלוט פאַרטרונקען?״ ...
און אַ שווייגן האָט זיך אַלץ געצויגן, ווי נישט שטערן
זאָל איינער דעם אַנדערנס געדאַנקען, באַלד הויבט ער העכער.
באַלד האָט אַן אַנדערער טיף זיין קאָפּ געזונקען.

---

*

איך האַלט אַ ביכל אין דער האַנט:
שפּאַניע. — דאָס אומגליקלעכע לאַנד ...
און עפּעס אַזאַ טיפער ווייַ איז מיך באַפאַלן:
— ס'איז שוין נאָך אַלעם.
מע האָט געגלויבט און געקעמפט און געהאָפט.
ס'האָט זיך אַ שריי איבער לענדער געטראָגן:
— שפּאַניע קעמפט פאַר איר פריי,
זיי וועלן אים נישט לאָזן אַריבער! —
ס'איז ווייט נאָך נישט ביי דעם סוף!
— — — — — — — —
... און ער איז אַריבער;
שפּאַניע איז אַנידערגעשלאָגן.

בלוט — בלוטן — רויט, רויט — אַ פּאַן אַ רויטע...
און אַרום: טויטע, טויטע, טויטע,
און העמדלעך שוואַרצע. — אַ שוואַרצע נאַכט
האָט זיך אַוועקגעלייגט.
דער יאוש מיט אַ שגעון האָט זיך צעלאַכט;
דער ווידערקול פון אַלע עקן וועלט — ער שווייגט.

ס׳האָט זיך צעצויגן אומענדלעך לאַנג אַ וויי.

מיין זעל איז פון ספקות צעריסן

מיין זעל איז פון ספקות צעריסן.
דער לאַמפּ איז פון ווינט אויסגעלאָשן.
געגאַרט האָט דער גלויבן דאָס וויסן
און האָפנונג נישט ווערט מער קיין גראָשן.

איך טאַפּ אין דער פינצטער, דערקענען
כ׳וויל דעם ווערט פונעם מענטשלעכן אוצר.
כ׳וויל וויסן! די בלוטן מיר ברענען!
האַ, דער מענטש איז דער שעפער, דער יוצר?...

דער מענטש איז צעשטערער, פאַרניכטער!
זיין וועג איז געצייכנט מיט טויטע!
נאָר בלוט אים פאַרשיכורט; ניכטער —
איז גרוי אים די וועלט. און ער וויל זען זי אַ רויטע.

געבאָדן אין בלוט, פאַרזייט זי מיט גופים
פון טויזנטער, טויזנטער ברואים.
פאַרשיכורט פון אייגענער מאַכט, הערט מען אים רופן:
איך ברענג איצט דער מענטשהייט — ישועה.

מיין זעל איז פון ספקות צעריבן:
איך פיל, נישט דאָס איז דאָס געדעכטע...
דאָס געדעכטע — איז נאָר אָנגעשריבן!
ס'רעכט אויף צו לעבן האָט נאָר דאָס שלעכטע.

איך פיל, ווי אַ טונקל פאַרוויקלט
מיין וועלט אין אַ טוך אין אַ שוואַרצן.
און דאָס ליכטיקע ברעקלט און שטיקלט,
מאַכט חרוב דעם טרוים פון מיין האַרצן.

מיר דאַכט זיך, דאָס גוטע אויף פאַרמעט פאַרגעלטן
איז מער נישט, ווי אותיות טויטע.
און אַלע די ליכטיקע וועלטן
דערטרונקען אין בלוטן אין רויטע.

דאָס בייזע אין שוואַרץ־ברוינע פאַרבן,
האָט צעשפּרייט זיך פון עק ביז עק וועלטן.
דאָס אָטעמט און לעבט. דאָס גוטע ביים שטאַרבן
איז? ס'איז נאָר אָנגעשריבן אויף פאַרמעט פאַרגעלטן...

עקדה

ס'האָט דער חלף זיך אַ גליטש געטון אַדורך דעם ווייסער,
און צעשפּריצט, ווי אַ קוואַל דאָס וואַרעמע בלוט פונם האַלדז.
מען האָט דאָס געקוילעט אַ ציגן־באָק,
אַ גאַנץ יונגען, אַ שוואַרצן אַזעלכן, מיט ווייכע, גלאַנציקע האָר.
ער האָט קוים נאָך באַוויזן צו געבן אַ שוואַכענקן „מע",
און האָט זיך פאַרכלינעט מיט אייגענעם בלוט.

געפאַלן אויף די פאַדערשטע קני — פאַרבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט
און שטיל זיך אַנידערגעלייגט.

די אויגן זיינע האָבן צוערשט וואָס געזוכט,
דערנאָך געבעטן זיך: ראַטעווע, העלף — — —
געוואָנדערט אַהין און אַהער מיט אַ שטומען געשריי,
וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין בליילעכן חלל, ווי אַ גלאָק,
און געוועקט עפּעס מאָדנע — טיף אין דעם האַרצן געוועקט.
אַ טייכל אַ רויטס האָט געצויגן זיך ווייט אויס זיין האַלדז,
און דאַרשטיק האָט עס געטרונקען די טרוקענע ערד,
ר'האָט אויפגעהויבן איינמאָל — און שווער אַזוי נאָך — דעם קאָפּ,
געזעגענענדיק מיט דעם לעבן צוריק צו דער ערד אים געלענט.
דעם בליק אָפּגעשטעלט און פאַרקוקט זיך, ווי פאַרטיפט אין געדאַנק:
„צו דעם, הייסט עס, בין איך געבאָרן געוואָרן"...

מאַט ווערט דער קוק און געבראָכן דער שטראַל פון די אויגן,
שטאַר — — עס באַוועגט זיך נישט מער דער שוואַרצאַפּל,
פאַרגלייזט, ווי פאַרגלאָזט און אייזיק געוואָרן דאָס אויג,
שטייף איז די ברעם...

האָט געענדיקט די גסיסה דער ציגנבאָק
דער יונגער מיט ווייכע, גלאַנציקע האָר.

מאַן־קעפּ

אַ וועקנדיקע זון, גלייך נאָך שאַריען,
אַ ווונק געטון צו מיר אַ שמייכלדיקע: אַרויס פון בעט!
מיט ערשטן שטראַל, אַ קיצל מיך געטון אין באַק, אַ גלעט,
און שוין דערהערט האָט זיך פון הענער, הייזעריק אַ קרייען.

בין איך אַרויס פון הייזל, אָפּגעשטעלט זיך ביי דער שוועל,
שאָקלט זיך אין תפילות נאָך די ערשטע שורה פונעם וואַלד.
אין קלאָרקייט גרינער האָט דאָס פעלד זיך לעבעדיק צעשטראַלט,
און איבער אים אַ הימל שטייט אַ לויטערער, אַ בלויער, — העל.

גיי איך אין ראָסע טובלען מיינע פיס, אַ טרייסל טון דעם שלאָף
אַראָפּ פון ברעם. אין קילקייט מונטערער שפּאַן איך אַרויס אין פעלד.
דאָ האָט אַ שפּרייט געטון פאַרן אויג זיך בליענדיק די וועלט.
אין לויבגעזאַנג צו אַלעם, וואָס עס לעבט, שאַלט אויף מיין רוף.

אויף רויטע מאָן־קעפּ האַלט זיך אויף מיין התלהבות־בליק,
און איבער זיי טראָגט מיין שחרית־ליד דער מאָרגנווינט.
בויגיק, שאָקלען זיך אויף „מסכים", און בלעטערן געשווינד
און בלייבן ליידיק אָן דער רויטער פּראַכט, ווי אָפּגעפּליקט...

אַ פּוסטער רוישן הערט זיך נאָר פון אַלע.
שאָקלען זיך די הוילע מאָן־קעפּ מיט זייער מאַטן גרין.
פאַרוווּנדערט האַקט זיך אָפּ מיין ליד: ס'האָט מער שוין נישט קיין זין...
אַ שאָטן פון זון פאַרוואָלקנטער איז אויף דעם פעלד געפאַלן.

ארבעטסלאזן דעמאנסטראציע

האָסט שוין אויסגעזונגען זינגער,
דו האָסט גאָרנישט מער אונז צו דערציילן.
שווייג! — היינט האָט דער שרייענדיקער הונגער
אויפגעריסן אונז די מיילער.
געטריבן האָט די בייטשנדיקע נויט
אונז אַרויס אויף ברייטע גאַסן.
פלאַטערדיק, אַ פלאַכטע, האָט אַ קנאַל געטאָן איצט: רויט!

איבער קעפּ פון גרויע מאַסן.

קוקן — גליווערדיקע פענצטער־שויבן.
פילן אונז — די שטאָט־ברוקירטע שטיינער.
ווער וועט אונז, די אַרבעטסלאָזע, גלויבן?
העלפן אונז — וועט קיינער!...

ברוגז שליסן זיך די פענצטער־לאָדן.
מיר וועלן, שויבן פון פאַרגליווערונג, אייך וועקן!
— — — — — — — — — — — — —
אָקעגן ברוסט אונז ביקסן שאַרף געלאָדן,
און איבער קעפּ די גומענע שטעקנס.

פּאַרבנבאַלאַדע

פון העכסטן טורם פון ראַדיאָ צעפּונקט זיך פאַר דער וועלט,
אַז בלאָף און נאַרעריי איז, אַז יעדע הויט איז גלייך.
מען האָט אויף דעם גרויסן בערזן־מאַרק אָוועקגעשטעלט
דעם ווערט און אָפּגעשאַצט: דער העכסטער פּרייז איז — בלייך.

די בלייכע הויט, די איידלסטע, באַשטעטיקט — פעסטער פּרייז.
זי איז די הערן־הויט, דער רעשט, איז נידעריקע קלאַס,
דער רעשט איז שקלאַפן־הויט, וואָס האָרעווען דאַרף אין שוייס,
וואָס שאַפט געבוקט! און קוים געווייגערט זיך, געשונדן אים אַ פּאַס:

אויף ציילאָנס פעלדער פונעם טיי, אונטער שטראַלן־בראַנד
געבוקט, אַ טונקל־ברוינער רוקן זיך און צופּט אַ בלעטעלע נאָך בלאַט.
אַ קונסט־זיידן־טריקאָ שאַפט אַ געלע קינדערישע האַנט.
קאַקאַאָ־קערנער זאַמלען פינגער שוואַרצע פלינק, נישט זאַט.

דאָס בלייכע פּנים פונעם אַרבעטסלאָזן אין ניו־יאָרק,
ווייסט נישט פון זיין הונגעריקן בלייכן ברודער פון לובלין.
וואָס זאָל וויסן דער רויט־הויטיקער, פון יענער זאָרג,
ביים קאַווע־זאַמלען אין בראַזיל, וואָס האָט דער אויסגעוויזענער
אין ווין?

סע שטרענגען אָן זיך אַרבעטסזאַמע הענט און ס׳רינט דער שוויס.
און ער איז דורכזיכטיק, אַ דימענט גלייך, אויף יעדער פאַרב פון הויט...
נאָר צי אין גרויסן אַרבעטס־ברען אָן אָנונג וואַקסט? ווער ווייס?
אַז איינע און די זעלבע איז, אַז גלייך מאַכט אונז די נויט!

די זעלבע אָנקער־קייט ציט אַלע צו דעם דנאָ,
פון מאַסן־הונגער, מאַסן־צוג און מאַסן־טויט.
ווער ווייס ווי לאַנג — ווער קלערט דערפון: גענוג! ס׳קומט די שעה,
אונטער אַלע הויטן וועט אַ קאָך טאָן זיך דאָס בלוט!
(און יעדעס בלוט איז רויט.)

דאַן גייען זיי, די הויטן, פאַרשידנפאַרביקע, עס קלאַפּן פיס
באַרוויסע און שווער־באַשוכטע איבער אַלע ברוקן פון דער וועלט.
ווי אַ לאַווינע פון הויכע בערג זאָל געבן זיך אַ ריס
און אָפּגעמעקט! — דאַן האָט אַ רעגנבויגן זיבן־פאַרביק זיך
אָוועקגעשטעלט.

וועק־ליד

גענוג שוין אין טרויער און אומעט געוועןאיינגעוויגן
מיין ליד. ס׳איז צייט שוין פאַר דיר איצט אַן אַנדערער ניגון.
איך וויל דיך אין ריטם אין האַרטן איינשפּאַנען
מיט ווערטער מיט הייסע, ווי לאַוואַ, וואָס שפּייען ווולקאַנען,

זאָלסט זיך צעגיסן! און אַלעס אַרום דיר פאַרפלייצן!
און רייסן מיט פלאַמיקן ריטם! זאָלסט בייטשן
מיט ברענענדן וואָרט! זאָלסט קאָכן און זידן!
זאָלסט וועקן אין פינצטערער נאַכט! ניט לאָזן אין פרידן
די, וואָס גיבן זיך אונטער און האָבן שוין אַלעס פאַרלאָרן,
דו מונטער זיי אַלע מיט בייסיקן וואָרט און מיט צאָרן!
צערודער זיי אַלע, צעטרייסל ביי זיי די געמיטער,
און זאָג זיי דעם אמת, הגם ער איז אַזוי ביטער.
דו רוף זיי: ס'איז נאַכט! נאָר דער דאַך שטייט אין פלאַמען,
צעקלינג זיך ווי אַ גלאָק, וואָס רופט צו אַ שריפה צוזאַמען,
נישט זי צו לעשן, נאָר צעטראָגן דעם פייער צעברענטן,
ס'זאָל אַלעס ווערן צו אַש ביז אַראָפּ, ביז די פונדאַמענטן.

צעשפּריץ זיך מיט פייער און פלאַם, מיין ליד, ווי ווולקאַנען,
און צעטראָג זיך ווי לאַווע, פאַרפלייץ זיי, אָט יענע טיראַנען,
וואָס פענטען די מענטשהייט, דעם גייסט, אין בלוטן פאַרטרינקען
די פעלקער מיט נייע מלחמות, ביז וואַנען דער מענטש איז געזונקען
ביי זיי צו אַ כלי, וואָס העלפט זיי אַליין אונטערדריקן
זיין ברודער און פירט אים צום טויט ווען זיי הייסן און שיקן.
די, וואָס צעטראָגן פאַרניכטונג, ווי מענטשן, וואָס האָבן מגפה
צעטראָגן — די פעסט; ווי אַ שטורעם צעפלאַקערט אַ שריפה.
און זיי ברענגען מיט דעם דרייפאַכן יאָך און אייזערנע ריטער
פאַר די, וואָס האָבן קיין לעבעדיקן פונק מער אין זייערע געמיטער.
פאַר די, וואָס האָבן דעם צוטרוי צום אייגענעם איך שוין פאַרלאָרן,
די דאַרפן אַ פירער, ווי שעפּסן אַ הירט — דיקטאַטאָרן.

ער וועט זיי פירן אויף בלוטיקע פעלדער פון מאַכט און פון זיגן און שעכטן רומרייך די שוואַכע. — זיי האַרט איצט מיין ניגון, די פאַנצער דעם ריטם, ווי בויגיקער שטאַל, זיי שאַרף ווי די שווערדן.

זאָל יעדעס וואָרט זיין אַ בליץ! זאָלן צענדליקער ווערטער אויפציטערן אַלעס און רופן אין פינצטערער נאַכט און רופן און שאַלן און וועקן די, וואָס האָבן שוין די וועלט אויפגעגעבן:

— ס'איז אַלעס פאַרפאַלן!

אַז איבער דער פינצטער, צעפלאַקערן זאָל זיך אויף די וועגן צום קעמפנדן לעבן אַ זון, און אונז ברענגען צו פרידלעכע ברעגן.

א טאג א ליידיקער

אַ טאָג אַ ליידיקער, ווי אַ בלאַט פאַפיר,
אַוועק, ווי מיט דעם ווינט.
ניט איינער און ניט צוויי — אַ סאַך.
און וואָס איז געבליבן מיר?
פאַרוועלקטע צייט, וואָס זיך צערינט,
ווי רעגן־ריטשקעלעך אויף וויטן שליאַך.
וואָס איז געבליבן פון מיין גרויסן ציל?
דער נעפל דעקט אים איין —
און ער איז ווייט...

די אַרבעט מיינע, אַרבעט אַזוי פיל,
די שטייט און וואַרט; ווי לאַנג וועט זי נאָך שטיין?
ס'איז קאַרג די צייט...
און איך בין אַלץ ניט גרייט.

די דאָגה האָט זיך אין מיין שטערן־קנייטש פאַרבאָרגן.
דורך די טאַשנלעכער די רו האָט זיך אַרויסגעגליטשט.
וואָס זשע איז מיר נאָך געבליבן אַ חוץ זאָרגן?
די טעג ווי בלעטער געלע — פאַרעגנט און פאַרווישט.

באגריפן

פאַרוואָס זאָל איך חושד זיין דווקא אין שלעכטן,
אין יענעמס מיין זוכן כוונות נאָר בייזע?
פאַרוואָס נישט טרעפן אַ פונק אַ גערעכטן
אין צווייטנס האַרץ־פלאַם, ווען איך זוך נאָר גרייזן?

צי זע׳מיר דען טאָקע, ווי וועלף אויפגערייצטע:
אין הונגער פאַרצוקן דעם אייגענעם ברודער;
קוים גיט ער אַ שטרויכל, מיט לאַפּעס צעשפּרייטע
שוין אויף זיין רוקן — פליקסט בלוטיקע גלידער.

שוין, הייסט עס, זע׳מיר אויף תמיד פאַרשאָלטן,
תמיד זיך דרייען אין משוגענעם רעדל,
—ווי דער הונט, וואָס יאָגט נאָך זיין אייגענעם ווידל—
נישטאָ קיין אויסוועג? — ס׳האָט קיינמאָל נישט געגאָלטן

די ווערטער הייליקע און די באַגריפן,
אויף עפּעס מער ווי פּוסטע, אָפּגענאָרטע קלאַנגען,
וואָס איינער צום דעם צווייטן האָט גערופן
ווען ז׳האָבן זיך געטראָפן און — צעגאַנגען.

דער ייד אויפן קרייץ

דער ייד אויפן קרייץ

אַ שווערע נאַכט, אַ פינצטערע,
ווי אַראָפּגענומען איז די צורה פונם הימל,
האָט זי זיך אַוועקגעלייגט — אַ חיה רעה —
איבער אַלעם.
אַ בלינדער חושך שטעכט די אויגן אויס.
און פילסט זיך, ווי אין אַן אָפּגרונט־טיפן ברונעם
הענגט דיין גוף, —
אַזוי פאַרלאָרן ביסטו אין דער נאַכט,
אַזוי וועלט פאַרלאָרן!
דאָס גאַנצע ליכט פון הימל האָט איצט זיך אויסגעלאָשן;
נישט מער, נאָר חושך־נאַכט האָט איינגעהילט דיך,
ווי אַ שוואַרצע דעק, וואָס אויף אַ מיטה.
און בלינד די וועלט איז —
לויערנדיק:
באַהאַלט עפּעס אין זיך — אַ שווערס, מיט סודות־שרעק.
נישט ווילנדיק, און — אין אַזאַ נאַכט — באַפאַלט אַ פּחד דיך:
אויף אייביק שוין דאָס ליכט איז אויסגעמעקט!
און קיינמאָל מער דעם טאָג וועסטו נישט זען.
אַזוי אַ חושך־בלינד פאַרגייט די וועלט,
צעברעקלט זיך און פאַלט אין תהום פון נישט־זיין.

נאָר דאָך, אַ שוואַכער, ראָזער שיין!... האַלט עס ביים טאָגן?
ס'איז אַרום טיפע נאַכט...
ס'קווילן זיך מיט בלוטיק־רויטן אָפּשיין
גליענדיקע באַלעמס רויך צום הימל
— און ער איז אַן שטערן, שוואַרץ, אַריבער אַלעם —
באַלד שיסן פייערצונגען אויפן פאַן פון נאַכט.
אַ שריפה מעכטיק האָט צעבושעוועט זיך פריי.

אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט פון דער נאַכט,
אין וועלכער יעדער שאָרך קלינגט עכאָדיק,
ווי אין אַ דערשראָקן האַרץ
— הערן זיך טריט.
עמעץ איילט זיך אין אַזאַ מין נאַכט.
דער רויטער אָפּשיין לאָזט עפּעס שוין דערקענען.
ס'יאָגט עמעץ — און הינטער אים די שריפה...
ער לויפט, ווי סתם אין וועלט אַריין. — — —
און באַלד דערנאָך אַ רעש פון רודפדיקע.
עמעצער אַנטלויפט מסתמא, וויל זיך ראַטעווען;
אין איילעניש אַ פּעקל אויפן אַקסל,
אין האַנט אַ שטעקן, גרייט אין ווייטן וועג.
און אין זיין גוף, — דער אומרו פון דער וועלט,
און זיין בליק, — דער זוך נאָך ווייטע וועגן,
און זיינע פיס, — זיי זענען ווידער גרייט.
ער יאָגט. — — —

...צי הערט ער? אַ רודפדיקע מחנה הינטער אים!
ס'וואַקסט דער רעש און ווערט אַלץ נענטער...
און — ס'האָט די מחנה אים דעריאָגט!
„העי, ייד! אַזוי־אַ גייט עס נישט ביי אונז,
ווילסט קאַליע מאַכן אונז דעם גאַנצן שפּיל?
האַלט, האַלט! דו וואַרט אַ ווײַלע צו!"
און הינטער אים, שוין לעבן אים,
קולות ליאַרעמדיקע, בייסנדיקע, מיט שנאה גאַליקער, ווי סם,
און שוין דערטאַפּט און איינגעהאַלטן,
פון הענט ווי קלאַמערן, ווי צוואַנגען.
ביים אַקסל אָנגעכאַפּט —
רייסט ווער פון אים דאָס פּעקל,

כאַפּט איינער אים דעם שטעקן אויס דער האַנט...
ס׳טומלט זיך.
אַרום אים — אַ רעדל מענטשן שרייענדיקע, ליאַרעמדיקע ווילד!
הענט און פויסטן, שטאַבעס אייזערנע און שטעקנס
איבער זיין קאָפּ, און אויפגעריסענע אויגן.
„קום צוריק!״ און פינגער קלאַמערן פאַרגראָבן זיך
אין די מלבושים פעסט, טיף ביזן לייב.
זיי ציען אים אויף הינטן, אין אַ זייט,
און רייסן, פליקן און צערייסן.
אַ וואַלד פון הענט איז אַרום אים,
וואָס וואַקסן איבער פּנימער, פּרצופים,
ווי פון חיות וואַלדישע, גאָרילאַס אויפגערייצטע,
זיי האָבן בלוט דערשמעקט.
ס׳האָט זיך אַ דריי געטון אים פאַר די אויגן:
הענט און פּנימער צונויפגעשוווּמען צו אַ טונקל־רויטער מאַסע,
באַשיינט פון וויטן פלאַם פון פלאַקערדיקער שריפה...
...אַ שווייגעדיקער אָפּגעגעבן זיך אין זייערע הענט.

דער ליאַרעם פון המון, — אַ ברויזנדיקער ים —
ער וואַקסט אַרום אים, שטייגט און וויגט זיך,
ווי פון שטורעמווינט אַ וואַלד אַ מעכטיקער.
און ער — אַ באַלעם אויף די ווילדע כוואַליעס,
און ער — אַ צווייגל אין דעם שטורעם־ברויז.
געריסן און געשליידערט אַהין, אַהער,
אַ גוף אַ הילפלאָזער,
פון צעבושעוועטן, אויפגערודערטן המון.
ס׳האָט ווייס אַ בלענד געטון זיין לייב,
אַנטבלויזט שוין גאַנץ פון די מלבושים,
אומבאַהאָלפן אויף אַ רגע שטיין געבליבן אין דעם רויטן שיין.

האָבן אויסגעשאָסן די נאָענטע אַ געלעכטער,
וואָס אויפגעכאַפּט געוואָרן טויזנטמאָל
אין ווייטן קרייז פון בייזע מיילער.
„זעט, אָט קוקט אייך אָן, קוקט אָן אייך דעם באַשניטענעם!"
אַ געדראַנג איז אַרום אים געוואָרן,
אַ שטופּעריי, אַ רייסעריי פון הענט און אויגן גיריקע,
פון מיילער אויפגעריסענע און אויגן גלאָציקע, ווי אויף בייז ווונדער:
צו אים, צו טאַפּן אים, באַטאַפּן מיט פינגער קלעפּיקע,
מיט גאַוועדיקן מויל, אַ צי, אַ שטויס, אַ קלאַפּ,
אַ שפּיי אויף ציטערדיקן לייב.

ביז איינער איז צו — און גאָר פון סאַמע ווילטאַג —
אַ זעץ געטאָן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ:
אַ שנירל בלוט האָט זיך ביים לינקן אויער
געצויגן רויט אַראָפּ אַ סטענגע איבערן האַלז.
און דעם געטומל איבערשרייענדיק אַ שטים
האָט אַ פרעג געטון: „וואָס שטייט מיר דאָ? צוריק מיט אים, צום פייער!"
שטעקנס, פויסטן און כלי־זין איבער קעפּ.
און ער אין מיט, ווי אויף אַ שטורעמדיקער כוואַליע
אַ שפּאָן געשליידערט ווערט, אַראָפּ, אַרויף.
ס'האָט אַ וויג געטון זיך דער המון:
געשטויסן און געשטופּט, ווי אָן אַ ווילן,
האָט ער געשטעלט זיין פוס — אַ טראָט אויף צוריק.

אינעם רעשיקן המון האָט געקאָכט, געזידט,
גערייצט די בלוטן האָט דער שוצלאָזער,
דער נאַקעטער, וואָס צעווישן זיי,
מיט קלעפּ מיט טרוקענע, מיט פויסטן,

מיט שטעקנס איבער ביין און רוקן נאַקעטן,
מיט שפּיזן, שאַרפע כלים אין דער זייט,
מיט שפּיי און קלעק אויף ציטערדיקן גוף.

און יענע נאַכט איז אַזוי בלינד געווען!
דער חושך אין פאַרגליווערונג אין זיינער,
ווי אַ פעלז אַ האַרטער איז געווען פאַרשטיינט.
די שריפה נאָר מיט אירע רויטע צונגען
האָט זיך צעטאַנצט, ווי דאַנטעס אַ געשפּענסט,
אַרומגעכאַפּט מיט אויסטערלישער שיין,
אָט דעם באַוועגלעכן המון —
און צווישן זיי, דאָס נאַקעטע באַשעפעניש,
באַדעקט מיט בלוט, מיט שווייס און שמוץ.
אין שטומער פּיין און אָן אַ קרעכץ און אָן אַ ווײ־געשריי,
לאַנגזאַם, ווי מיט גרעסטער אָנשטרענגונג,
אַ זוך געטון מיט זיין געזיכט:
„איז קיינער דאָ נישט, וואָס האָט אַ וואָרט פאַר מיר
אַ מענטשלעכס?
איז קיינער דאָ נישטאָ, וואָס זאָל אַ הויב טון דאָ די האַנט
מיט אַ געשריי:
גענוג, פאַרבלענדטע, לאָזט אָפּ!
...איז שוין נישט ווער געגאַנגען אָט דעם וועג?
דעם ליידנס־וועג?
פאַר די־אָ דאָ — פאַר אַלע?!
...וואָס טוען זיי מיט מיר? אַך, גאָט...”

און אין דער ענדלאָזיקייט פון יענער נאַכט
האָט נאָר צעבושעוועט די שריפה זיך אַלץ מער,
מיט אַ נייעם רויטן שייטער־פלאַם,

באַשיינט שוין שטאַרקער, דייטלעכער
איצט דעם המון, וועלכער דערנענטערט זיך.
און נאָנט ביים ישוב שוין, ביי אַ קרייצונג פון די וועגן,
אַ צלם שטייט אַ הילצערנער, אויף אים אַ יויזל.
האָט עפּעס אַזאַ לץ אַ שפּיל געטון זיך
מיט אַ האַק אין האַנט,
אַ האַק געטון אַ צוויי־דריי מאָל
און אים אָוועקגעלייגט אין מיט פון וועג.
אַ ריס געטון דעם יויזל פון דעם צלם,
אויפגעהויבן הויך דעם קרייץ און אויסגעשריגן:
„וואַרט צו מיט יענעם דאָרט,
מיר מאַכן באַלד אַן אמתע פאַרוויילונג!
ברענגט אַהער דעם ייד, אָט דאָ אַהער!"
האָבן פינגער־קלאַמערן אַ גראַב געטאָן זיך
אין זיין וווּנדיק פלייש:
אַ ריס געטון אים צו דעם צלם צו.
קוקט ער, דער צעשלאָגענער, מיט בלוט זיין גוף,
אָט דער באַשפּיגענער
אויף דעם צלם, וואָס ביי זיינע פיס,
און פאַרשטייט נישט גאָר וואָס עס באַדייט:
(קוים, וואָס ער באַוועגט אַן אבר.)
„נעם, ייד, אויף זיך דעם צלם, נעם און שלעפּ!"
מיט טיפן פיין אַ בליק געטון אַרום,
געזוכט אין יענער טעמפּקייט פון די צורות — אַ טייטש:
„איז דאָס אַן איבערחזרונג, איז דאָס?"...
אַ שטויס אַ פעסטער האָט אַ טרייב געטון אים: „ווייטער!"
און ר'האָט דעם צלם שוין אויף זיך גענומען.
אָנגעהויבן שפּאַנען מיט דער לאַסט,
וואָס אויף זיין וווּנדבאַדעקטן רוקן,

דעם מאַרטירער־וועג, דאָרט, ווו די שריפה איז.

אַרום אים — דער צעהוליעטער המון — פול פריילעכקייט, —
וואָס לאַכט און שפּעט און האָט פון דעם אַ הנאה,
אַז אַ מענטשלעך לייב אַ נאַקעטס,
בלוטיק, וווּנדיק, גאַנץ צעשלאָגן,
שלעפּט אַ קרייץ פון האַלץ אַ גרויסן,
פלאָנטערט מיט די פיס און פאַלט...
און קוים וויל ער זיך אָפּשטעלן —
איז דאָ אַ בייטשנדיקע האַנט, וואָס טרייבט.

איז דאָס נישט אַ פאַרוויילונג אין צעפלאַמטער פינצטערניש,
וואָס רייצט די נערוון, מאַכט קאָכעדיק דאָס בלוט,
און ס'וועקט אַ חשק זיך אַ לאַנג פאַרשאָטענער,
אַ חשק אויס דער פינצטערניש פון הייל?...
און ציינער בלייכן זיך, און ציינער גלאַנצן,
און רייסן זיך צום גאָרגל פון דעם מין,
וואָס ביסט אַליין און דו פאַרלייקנסט עס.
עס דאָרשט זיך דיר נאָך בלוט, נאָך הייסן בלוט,
ווען זעסט, — באַשיינט פון טאַנצנדיקע פלאַמען, —
אַ שוצלאָזן, דעם שוואַכסטן פון אייך אַלע,
וואָס שפּאַנט אַ פאַרלאָזענער, אַן איינזאַמער — אַליין...

און טראָפּנס בלוטיקע פון שווייס ווישט ער פון ד'אויגן.
„איז דאָס אַן איבערחזורונג?
דאַרף איך געקרייציקט ווערן פאַר אַטאַ די זינד?

דאַרף איצט די שאַנד געשען דאָ איבער מיר?
איבער מיין גוף און — פייניקן צום טויט?
קאָן נאָך אַזעלכעס געשען? אַך, גאָט, אַך גאָט..."
און אויף זיין וווּנדן־רוקן דער הילצערנער קרייץ.

דער רויטער שיין פון נאָענטער שריפה
האָט ציטערדיק געטאַנצט מיט קופּער־גאָלד פאַנטאַסטיש איבער אים.
און אויסגעזען האָט ער משונה אויסטערליש,
ווי אַ יצור פון אַ פיבער־טרוים,
ווי אַ געשפּענסט פון קראַנקן מוח,
וואָס מוטשעט, פּייניקט דיך ביי גרויסער היץ.

דעם צערודערט־טומלדיקן המון
איז באַפאַלן אַ צערייצטע גדולה;
קולות הייזעריקע, שאַרפע האָבן צעריסן דעם רעש:
„קוקט אָן נאָר דעם נייעם פאַרטרעטער
פון גאָט, דעם זון, פון גאָט, דעם פאָטער און גייסט...
קוקט אָן דעם שמוציקן ייד!
זעט נאָר אַ מיאוסקייט דאָס איז!"

ס'איז איינער פון המון אַרויס,
אַ טעוועלע אַ ווייס אין האַנט,
— אַ שמייכעלע אַ שפּעטישס אויפן פּנים —
הענגט דעם באַשעפעניש אַרויף עס אויף זיין ברוסט,
ווי בעטלערס טעוועלעך מיט אַ בקשה טראָגן.
ס'האָט אַ באָמבל געטון אויף זיין נאַקעטער ברוסט
אָן אויפשריפט:

דאָס איז דער ייד, וואָס ווערט איז דעם טויט;
אויסראָטן וועלן מיר אינגאַנצן אים!
„פאַרברענט אים!" „...געקרייציקט דאַרף ער ווערן!"
„קודם קרייציקט אים, דערנאָך פאַרברענען!"

און ס'איז שוין נאָנט ביים ברענענדיקן הויז.
(די היים, די פריערדיקע פון דעם באַשעפעניש).
דאָס אויסטערלישע, וואָס מיט אים געשעט,
אין אָט דער נאַכט, האָט אויסגעזען,
ווי אַ לצים־טאַנץ פון עפּעס אַ לעגענדע,
זאָל פלאָנטערן זיך איצט פאַר זיינע אויגן.
(ווי שווער ס'איז צו באַגרייפן)
און נישט קיין וויי־געשריי, אויך נישט קיין יאָמער
האָט זיין פאַרשלאָסן מויל אַרויסגעלאָזן;
נאָר שטומערהייט געבלאָנדזשעט מיט די אויגן:
„וווּ זענען זיי, וווּ איז שמעון איצט, מיין פעטרוס?
שמעונס? יאָ, זיי זענען דאָ אַ סאַך צעווישן עולם —
זיי אַלע, שווייגנדיק, פאַרלייקענען זיי מיך.
אָבער חנה? קיין איינציקע צעווישן זיי,
וואָס זאָל דערוועגן מיר דעם טויט־שווייס
פון מיין נאַסן פּנים אָפּצווווישן.
זאָל איך דעם הימל בעטן, זיך אַראָפּצונידערן,
און זאָל ער קללות שיטן איבער זייערע קעפּ?
— איז דאָס נישט די ערגסטע קללה, וואָס זיי טון?
האָט גאָט נישט אָפּגעווענדט פון זיי אינגאַנצן זיך
און צוריקגעלאָזן נאָר די חיה רעה?...

דאָ — האָט זיך ערשט דערהערט זיין קול,
דייטלעך, שטאַרק און קלאָר:
„מיין לעצט געבעט, הערט צו, איר זאָלט פאַרנעמען:
איך בענטש אייך מיט זכרון און — געדענקט!
איעדן טראָפּן שוויס פון מי און פּיין,
איר וועט עס נאָך פאַרהייליקן.
איעדער טראָפּן בלוט פון מיר וועט דינען אויסצולייזן אייך
פון שקלאַפעריי; אויסלייזן אייך און מאַכן אייך צום — מענטש!״
ווילד און ברויזנדיק האָט צעקייקלט אַ געלעכטער זיך
איבער קעפּ פון גאַנצער מחנה — אים אַן ענטפער:

אַ צענדליק הענט גלייך האָבן אים אַ כאַפּ געטון,
אַ שליידער מיט דעם צלם צו דער ערד!
טעמפּע שפּיצן פון נעגל, אין די פלאַכן פון די הענט,
האָבן זיך אַריינגעריסן שמערצלעך! טיף! ווייט!
ביזן האָלץ.
און בלוט, פּורפּור־רויטס און פרישס,
געטריפט פון האָלץ אויף שטיינערנעם ברוק.

אין צונטער־שיין פון שריפה,
ס׳געזיכט צום פלאַקערדיקן פייער,
האָט לאַנגזאַם זיך געהויבן און געוואַקסן
דער לעבעדיקער קרייץ.
געציטערט און געוויגט זיך
אין קלאַמערנדיקע זיך אַרום אים הענט.
געשוועבט איבער אַלעמענס קעפּ אַזוי:
אַן אויסגעמאַטערט און פאַרבלוטיקט פּנים

מיט טראָפּנס ראָזן שווייס אויף בלאַסן שטערן,
בלאָנדע האָר פֿאַרקלעפּט פון טרוקן בלוט,
די טונקל־בלויע אויגן אָנגעפּילט מיט טרערן און מיט פּיין.
געטאַנצט דאָס שאָטן־ליכט פון פייער
איבער אַ גוף, וואָס נאָר וווּנד און וווּנד.
די ליפּן זיינע ציטערן מיט אַ זיפץ:
„גאָט מיינער, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?...
נאָר איך, איך האַלט און איך פאַרלאָז דיך נישט!"

פאַרשטאַרט דער המון קוקט און גאַפט.

די חושך־נאַכט האָט אַלץ זיך נישט געמינערט,
קיין ווינט אַפילו האָט זיך נישט צערודערט,
קיין שטורעם האָט זיך אויכעט נישט צעבּרויזט.
דער הימל האָט קיין ריר זיך נישט געגעבּן
צעטרייסלען זיינע גליוועדיקע וואָלקנס
מיט דונער־קול, צערייסן זיי מיט בּליצן,
אַז ס'זאָל אויפציטערן פון עק ביז עק די וועלט;
פון אומרעכט שענדלעכן, וואָס דאָ געשעט.
ס'איז אַלעס אָט אַזוי, ווי פריער:
פאַרפראָרן איז געהאַנגען, ווי אַ גליווער,
דער שוואַרצער הימל איבער אַלעם.
די שריפה נאָר האָט אָנגעהויבּן גוססן.
איר גליענדיקער אָפּשיין אויף זיין פּנים
האָט זיך צעלויכטן נאָך איין מאָל
און אויפגעפלאַקערט מיטן אַן אויסטערליש בּילד,

ווי אַ געשפּענסט.

אין טונקלקייט פֿאַרהילט איז דער המון,
פֿאַרשטאַרט — האָט זיך פֿאַרקוקט און וואַרט.

דער, אויפֿן קרייז, האָט נאָך זיין קאָפּ געהויבן,
די אויגן זיך צעלויכטן פֿון דעם גוססדיקן שיין.
פֿאַרקוקט אַזוי זיך, ווי אין ווייטן,
ווייט אין דער טונקלקייט, וואָס איבער דעם אָרום.
ביז זיינע ליפּן האָבן זיך געעפֿנט
און אַ קול אַ פֿעסטס צעקלונגען האָט די בשורה:
„האָרכט צו די ווערטער, פּייניקער מיינע:
איר זעט מיך איצט שטאַרבן,
נאָר איך זאָג אייך אָן דאָ, נישט איבערמאָרגן,
ניין! נאָך מאָרגן קער איך זיך אום!”

דער לעצטער טלי פֿון שריפֿה איז שוין צו אַש געוואָרן.
די פֿינצטערניש, אַ חושך־שוואַרצער פֿאַרהאַנג, זיך אַראָפּגעלאָזן
פֿון שטערנלאָזער נאַכט אַריבער אַלעם.

כלערליי

ווידערקומען

ווען איך אין אָונט, וואַרטנדיק אין טרוים
אין מיינעם, בין געוועזן גאַנץ פאַרלאָרן,
איז אין מיר עטוואָס, ווי דערוואַכט — געבאָרן.
און פערל ווערן אויס אַ פוסטן שוים.

פאַרזונקען איז אויף מערב האַלב די זון.
אויף די שטראַלן ביסטו אָנגעקומען,
לעצטע, פורפורנע, מיטגעבראַכט די בלומען
האָסטו — פאַרפלאַנצט, זיי זאָלן אייביק בליִ׳ן.

געבוקט דעם קאָפּ האָב איך צו דיינע קני,
און נישט געקלאָגט אויף דיין לאַנג פאַרזוימען
דאָרט אין יענע אומדערפאַרשטע רוימען.

איך האָב געוווסט אין שטילער פרייד צו לויבן
דיך מיט אַ ליד, וואָס בלאַנדזשעט ערגעץ־ווו.
ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז אמתדיק איז — גלויבן.

וועג און שטעגן

רייסן אַראָפּ פון הימלישע הויכן
צייטיקע באַרנעס פול געטלעכע זאַפטן
און שליידערן אַריין אין אייגענעם האַלדז.
דורכלעבן תענוגים די טיפסטע, די העכסטע!
און אַלעס געניסן. פאַר גאָרנישט זיך שרעקן, —
כדי אַלעס צו וויסן.

פאַרשיכורט צו שטייגן אַלץ העכער און העכער.
אַ פאַרחושטער צו פאַלן אַראָפּ אין דעם תהום.
אַ ניכטערער עפענען פלוצלונג די אויגן,
זיך וווּנדערן קודם: ווו בין איך?
....איך ווייס שוין.

— — — — — — — —

ניין, ליבער צו לעבן פאַרבאָרגן, אַ נזיר;
אָפּזאָגן זיך בעסער פון רעשיקן לעבן.
אין אַ הייל ווו, אָטעמען באָרגיקע לופט,
נערן זיך פון יאַגעדעס, קרייטיכצער וואַלדישע.
וואָס דאַרף איך דאָס לעבן, וואָס איז עס? ווער בין איך?
אַ קערנדל, וואָס טראָגט זיך מיט ימיקע כוואַליעס,
וועט ווערן געשליידערט אַרויס אויפן ברעג,
ד אָ ר ט — וויל איך פאַראייניגט זיין מיט י ע נ ע ם,
וואָס לייגט מיר דעם פינגער פון ווייסן ליכט
אַרויף אויף מיין האַרץ מיר. אָט גליט עס אין בענקעניש גרויסער.
איך וואַרט דאָ, אַז ער זאָל מיך נעמען צוריק.
איך מאַך זיך שוין גרייט; איך שאַרף מיר מיין אויער,
און קומט ער, דערהערן דעם קלאַנג פון זיין טראָט.

— — — — — — — — — — — — —

און — אפשר נעמען אויף זיך דעם עול פון אַ פשוטן מענש,
אַזעלכן, וואָס טרעפּסט אין גאַס אַלע טאָג.
פאַרדאַגה'ט — צעריסן פון קליינלעכע צרות,
צעריבן פון מילשטיין — טאָג־טעגלעכער עול...
ווער ווייס? און אפשר איז דאָס וויכטיקסטע די דאגה
פון יענע? — זייער צאָל איז נישט צום ציילן.
זייער צאָל, ווי כוואַליעס ציטריקע,
לעבעדיקע, רירעוודיקע אויפן שטח פון ים.

ווער די העזה האָט צו שעצן זייערעליידן,
די קליינלעכע מפּלות פון איעדן טאָג,
פון די, וואָס אַרבעטן טאָג איין טאָג אויס;
פון די, וואָס אַרבעטן, נאָר קאַרג געציילטע טעג,
און די, וואָס זענען אַרבעטסלאָז בכלל.
גיי, שטעל אונטער אַן אַקסל און אַ זייט
און לייג אויף זיך די מאַסע אַט דעם עול —
און טראָג און שלעפּ!
דו פּרייכסט?
ס'זענען קלייניקייטן דאָך אַזוי פיל דאָ,
ווי קערנדלעך אַ גאַנצער זאַק, פול זאַמד,
און דאָס דריקט!
דו, „קולי", איינער פון אַ מיליאָן!
(דו, יחיד, מושל פון דיין אייגענער וועלט!)
העלף טראָגן יענע מאַסן אַ גאַנצן טאָג,
און ווען אַנדערע פאַלן מיד אין בלייערנעם שלאָף —
דו האַלט די אויגן אָפן, וואַך!
ווען אַנדערע קרעכצן, — דו פאַרבייס די ציין!
ווען אַנדערע יאָמערן, — דו בלייב איינער האַרט,
ווען אַנדערע בעטלען, — דו ווענד זיך אָפּ און לייד,
ווען אַנדערע זיך פאַרקויפן, —
דו איינער בלייב, שמיד ווייטער דעם געדאַנק ווי אייזן גליאיק ווייס.
אַז אַלע ווונדן בלוטיקן, דיין בלוט איז אויך מיט זיי.
נאָר דאָך אין מיטן נאַכט אין פאַרגליווערונג פון בלוט,
שריי דעם געשריי:
— „שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן"!...

אין אַ לייכטן דרימל

אין אַ לייכטן דרימל — האָט דער חלום מיך דערהויבן.
אויפגעוואַכט איז דאָס פאַרשאָטענע ביז איצט ווינקל
פון מיין נשמה, פאַרקראָכן טיף, ווו ס׳איז טונקל
אַ פאַרלאַנג, כ׳האָב אין אים פאַרגעסן, אַ פריער פאַרגעסענער גלויבן.

און פלוצים — כ׳בין געשטיגן אין הויכן,
דערגרייכט ביז צום לעצטן שטאָפל.
מיט די שפּיץ־פינגער פילן עס, אָנטאָפּן
דאָס העכסטע דערגרייכן.

וואָס וועט אַליין פון מיר ווערן?
איך שטוין אַרויף צו מיין שמייכל,
וואָס שיינט אַראָפּ פון די הויכן,
פון ווייט: פון לעצטן שוין שטערן.

ס׳איז אַלעס באַפרייט, ווי אויף תמיד.
צעלאָזענע געפילן, ווי פייגל
זינגענדיקע, צום הימל (און קיינער פון זיי וויל גישט שווייגן.)
אין האַרצן צעבליט איז דער זומער,

עס צעגיסט זיך ווי אַן אָוונטיקע תפילה
איבער דאָרפישע פעלדער אין זומער
מיין פרייד — ס׳איז אַ קול אַזאַ שטומער,
ווי אַ ווינטל אַ צאַרטפולער, שטילער.

„און דו אַליין — ביסט נאָר ברכה.
איבער דיר — דאָס גליק פון דעם געבן.
רייף און פאַרונדעט דיין לעבן:
אַ באַשיינטע פון שקיעה מנוחה".

חלום־באלאדע

אַ בלינדער הימל צו דער ערד געפאַלן,
אין נאַכטנפינצטערניש מיט וואָלקנבאַלעם.

קאָלערט ער זיך איבער פעלדער וויסטע,
טויב טראָגט זיך אַ קול אויף זיי: „ווו ביסטו"?

ציטעריק אַ ליכטל וואַנדערט אויף אים —
קלאָגט עס ווייטער: „כ'האָב אים ניט געטראָפן".

און אויף די טונקעלע פאַרלאָזטע וועגן,
וואַנדערט אַלץ דאָס ליכטל מיט דעם פרעגן.

גיי איך נאָך דעם קול און צו דעם ליכטל.
כ'הער מיין שטימע פרעגן: וועמען זוכט איר?

קוקן אויף מיר אויגן ווי צוויי שטערן,
און אַ שטים אַ ווייטע לאָזט זיך הערן:

„כ'האָב אַן אוצר ערגעץ דאָ פאַרלאָרן"...
און אַרום איז טונקעלער געוואָרן,

דער וואָלקנבאַלעם דריקט די ערד נאָך שווערער,
ס'רייסט אַ ווינט אַ קאַלטער פעלדער לערע.

שוועבט ער זוכנדיק מיט דעם לאַמטערן.
זוכט געבוקט, לאָזט זיך פון מיר נישט שטערן.

אָבער, הערט, ווי וועט איר איצטער קריכן
אין דער נאַכט, אויף טונקלע וועגן זוכן?

וואַרט ביז מאָרגן, וואַרט צו ביז באַגינען, —
וועט לייכטער זיין ס'פאַרלאָרענע געפינען.

הויבט ער העכער אויף דאָ דעם לאַמטערן,
קוקט אויף מיר — צוויי אויגן ווי די שטערן,

אַ שווערער אומעט ליגט אויף זיינע שלעפן:
„וואָס ווייסטו, ענטפערט ער, איך מוז אים טרעפן".

„אָבער וואָס?" — בין איך געוואָר געוואָרן:
„מיין יונגן חלום האָב איך דאָ פאַרלאָרן!"

אין מיטן נאַכט — זאָג איך — אויף פוסטע וועגן?
חידוש איך זיך ווייטער אין מיין פרעגן:

מענטש, צי זענט איר ניט אַראָפּ פון זינען?
„כ'מוז מיין חלום ווידער דאָ געפינען".

דער אוצרות־שליסל

זיי ווייסן נישט, אַז דער אוצרות־שליסל איז אויף ימים־גרונטן,
זאַמל איך איצט הויפנס נאָר פון אייזן־אַלטוואַרג, זשאַווער,
דאַרום לויבן זיי מיך אַלע: כ'בין אַ מאַן אַ בראַווער.
און אַלע מיינע טרוימען צעטראָגן זענען מיט די ווינטן.

איך האָב די בכורה נישט פאַרקויפט פאַר אַ פולער שיסל,
נאָר סתם, גענומען און אַרויסגעוואָרפן דורך דעם פענצטער.
איך האָב געמיינט, איך בין דער בעסטער און דער שענסטער —
האָב איך אין ים געוואָרפן פון דער אוצרות־הייל דעם שליסל.

היינט דוכט זיך מיר אין איילעניש גאָר יאָגט דער טורעם־זייגער,
איך גיי, איך לויף, איך האָב נישט צייט אַהינטער זיך צו קוקן.
בלייב איך שטיין אין מיטן גאַס, כ'בין אַ העגטל פון אַ גרעגער —

און אַרום מיר דרייען זיך די הייזער־שורות פון די גאַסן.
און אַזוי אַנטלויפן פון מיר יאָרן, טעג און אויגנבליקן.
כ'קלויב אַלטוואַרג, זשאַווער. דער שליסל? אויף אַ גרונט אַ נאַסן.

מיין שטעגל

אין זייט אַוועק, ערגעץ צו די בערג,
שלענגלט זיך אַ קוים באַמערקט נאָך שטעגל.
איז דאָס אַ וועג פאַר לייטן דען?
ווי לייכט קאָן מען אַראָפּגיין אויף אָפּוועגן!

דער קלאָרער שכל זאָגט: אָט איז אַן אַספאַלט־טראַקט,
וווּ לייטן גייען און די וועגענער פאָרן,
און זע, ווי רחבותדיק, ווי ברייט, אַוווּ
דו וועסט נישט קאָנען זיין אַליין, פאַרלאָרן.

אָבער זעסט, דאָס שמאָלע שטעגעלע, עס ציט
און ווינקט אַפער צעווישן גרינע גראָזן
און לאָזט זיך כשופן, ווי מיט אַ ניגון פון אַ ליד,
עס רופט, דו גייסט, האָסט שוין דעם ברייטן וועג פאַרלאָזן.

ביסט אַליין שוין, נאָר דו און דער אַרום.
איבער דיר אַ חלל אַזאַ לויטערער און בלויער
און אַ וועלט אַ זוניקע האָט זיך אַ שפּרייט געטון,
און אַוועקגעלייגט זיך ליכטיק, צוגעדעקט דיין טרויער.

עס פירט דאָס שטעגל דורך אַ גרינעם טאָל,
מיט פעלדער פּרוכפּערדיקע פאַר די שפּייכלערס זאַטע;
נאָר פון ערגעץ־ווו קומט אַנטקעגן מיר
אַזאַ אָפּגעהאַרעוועטער מיט אויגן מאַטע.

ער גייט צום ברייטן וועג. ס׳רופט די וועלט:
ער איז צוגעשמידט מיט גרויסע קלייניקייטן
צום וואָגן, וועלכער יאָגט אַראָפּ־אַרויף
אויף דעם זוניק־שטויב־באַדעקטן וועג דעם ווייטן.

דאַרום אייל איך זיך. איך וויל ניט מער
זיך טרעפן שוין מיט קיינעם. כ׳וויל פאַרמיידן:
כ׳וויל זיין מיט זיך און מיט דעם העלן טאָג;
ס׳וועט זיין מיר גוט — און אפשר טאַקעביידע?

דעם טאָל פאַרלאָזט. דאָס שטעגל פירט אַרויף,
ס׳האָט זיך פאַרלאָרן אין באַרגיקע שטיינער.
דאָך זוך איך אַליין שוין אַ וועג —
איך קום צו צו אַ וואַסערל, אַ דורכזיכטיקער, ריינער.

איך לעש מיין דאָרשט און הויב זיך אויף,
ניט לאַנג געקלערט, און אים אַריבער,
איך שפּאַן שוין ווייטער — אַ, ווי הויך!
ווי קליין אין טאָל זענען די שטיבער!

ווי רייסט דער ווינט זיך דאָ אַן שטייג,
צעפּליקט איעדעס גראָז און ברעכט אַ בלימל...
אַט, פאַר די אויגן וואַקסט אַ פעלז,
אַ וואַנט, אַ שטיינערנע אַריין ביז אין דעם הימל.

און פּלוצים — פאַר מיין פוס — אַ תהום;
כ'ווער געפּלעפט אַביסל און באַטראַפן:
אַזאַ מין אויפהאַלט איצט אין מיטן וועג!
נאָר מוט! ס'איז אויף אַן אויסוועג נאָך צו האָפן.

מיין וועג דער שטייניקער איז ווייטער מיטן ברעג,
דורך שפּאַלטן, איבער פעלזן, אַ געקלעטער!
און העכער אַלץ, געראַנגלט... ס'איז אויך גאַרנישט לייכט!
און ווען פון ברעג אַ פאַל? פון ווו איז דאָ אַ רעטער?

נאָר איבער דיר אַן אַנדלער, זע, ער פאַרקרייזט
אויסגעשפּאַנטע פליגל, אַ בויגן,
ביז וואַנען שוועבנדיק בלייבט הענגען אין דער הויך
און ציט צו צו זיין פלי דיינע אויגן.

ס'אַ תענוג, איבער שפּיצן פון בערג
זיך טראָגן אויף פליגל צעשפּרייטע.
אויף די פעדערן — נאָר שטראַלן פון זון,
אונטער זיך — אַ וועלט אַזאַ ווייטע.

און פאַר מיר — נישט קיין וועג, נישט קיין שטעג,
נאָר פעלזן און שפּאַלטן און טיפן.
איך קלעטער פאַרעקשנט אַרויף
צום קאַנטיקן שפּיצבאַרג דעם שיפן.

וואָס העכער, מער מאַרטער דער וועג.
איך ראַנגל זיך אויף אַלע פירן.
פאַרבלוטיקט די נעגל פון הענט,
איך האַלט ביי די כוחות פאַרלירן.

נאָך אַ לעצטן אָנשטרענג פון קראַפט,
נאָך עטלעכע קלעטער — און אויבן!
אַן אויסגעמאַטערטער אָטעם פון ברוסט,
און ווי הויך ביסטו! ווילסט אַליין זיך ניט גלויבן.

עס צעשפּרייט זיך די לונג דיר פאַר פרייד,
צעשרייפט זיך, צעזינגסט זיך ווי אַ ווילדער.
עס ענטפערן דיר פעלזיקע בערג
מיט צענפאַך עכאָדיק געפילדער.

צעשרייסט זיך אַראָפּ צו דעם טאָל:
האָ! האָ!! קומט צו מיר אין די הויכן.
„האָ, האָ, האָ, האָ", איז דיין ווידערקול;
און האָרכסט... מער וויל דיך גאָרניט דערגרייכן.

אילוזיע

ס'האָט אַן אויפגעוואַכטע בענקשאַפט
זיך צעפלאַמט פון אונטער הויפנס אַשן —
און ס'האָט אַ צי געטון מיך: דעם גרויען שטויב
פון אַלטאָג מיר פון מיין שטערן וואַשן.

מיר רייניקן די הענט, די נעגל פון די פיגעד;
זיך מאַכן גרייט, ווי צון אַ הייליקער מלאָכה.

איך וויל אויף די פליגל פונם בענקשאַפט,
לאָזן זיך אין וועג — און געזעגענען זיך מיט אַלע מיט אַ ברכה.

און זאָל זיך עפּענען דער שטראָם און זאָל ער פּלייצן:
עס איז מיין גלוסטונג גרויס — ס'איז גוט מיר איצט צו טרוימען...
איך לאָז זיך אין ווייטן וועג אַוועק צום מעשה־לאַנד,
וואָס איז אויף יענער זייט פון הימלס־זוימען.

איצט בלאָנקע איך און וואַנדרעווע אַרום אויף יענע פעלדער
אָן ציל און צוועק. איך לאָז אַרומשלעפּן זיך פון געפילן:
ווי כוואַליעס פון צויבער־קוועלן זאָלן מיך פּאַרוויגן,
ווען שטראַלן פאַרביקע האַלטן זיך מיט זיי אין שפּילן.

שטייג איך אַראָפּ אין אַ ניגון, ווי אין שאַכטן.
און זאָל ער דער ווייטיק זיך טאָפּן ווי אייס און צערינען.
אַ געלייטערטער זאַמל איך די לידער, ווי דופּטיקע בלומען
אין אַ זוניקן טאָג פון אַ פרילינג אויף פליינען גרינע.

ווי טרוימעריש דאָס איז, דאָס מעשה־לאַנד פון בענקשאַפט.
אַ כשוב האָט עס איינגעוויגט — און עס דרימלט.
שטרעק איך אויס מיין האַנט — אַ ריר טון מיט מיין פינגער...
צעשיט זיך עס ווי אַ שטערנשטויב, וואָס פאַלט אַראָפּ פון הימל.

---

*

דער וועלט האָב איך נאָך וואָס צו זאָגן,
דעם מענטש האָב איך נאָך וואָס צו געבן.
מיין טעפּיך — איז אין אַנהויב וועבן,
איך דאַרף נאָך וואָל און פעדים טראָגן.

איך דאַרף נאָך כלערליי פאַרפלעכטן
אין דעם געוועב פון וואָל און פאַרבן.

מיט מי און פלייס, מיט אָנשטרענגונג האַרבן,
וועל איך אַרויס אויפן וועג דעם רעכטן.

נאָר נישט דאָס אַלעס איז דער עיקר.
אין זין ביי דער אַרבעט דאַרף פאַרבלייבן;
— ביי אַלע די מינים אויסצוקלייבן —
ס'וועבט זיך אַ גאַנצס און נישט קיין שטיקער.

---

*

מיין בראָניען

די ביסט דער ווינט אין פליגל
פון דאָן־קיכאָטס מילן.
זיי מאָלן טאָג־איין טאָג אויס
דעם קאָרן — די געפילן.

די פליגל דרייען זיך און דרייען.
מען דאַרף די שטיינער שפּייזן; —
וועל איך פון נייע שפּייכלער
די טויערן אויפרייסן.

דאָס צעמאָלענע אין זעק,
האָט מען עס גלייך צעטראָגן.
וויל איך פאָדערן מיין שכר, —
נישטאָ קיין צייט צו זאָגן.

די פליגל דרייען זיך, איך מוז
די שפּייז די שטיינער געבן.
נייע שפּייכלער אויפגעמאַכט; —
אַזוי אַ גאַנצן לעבן.

ס׳קומען מענטשעלעך אַרויף
און אַראָפּ די טרעפּן.
און דאָס אַנגעמאָלענע
שלעפּן זיי און שלעפּן.

דו ביסט דער ווינט אין פליגל
פון דאָן־קיכאָטס מילן.
זיי מאָלן טאָג־איין טאָג־אויס
דעם קאָרן — די געפילן.

דו ביסט מיין שיף

דו ביסט מיין שיף און איך דיין קאַפּיטען.
און וואָס עס זאָל מיט דיר אין שטורעם נישט געשען —
בין איך אַלץ דאָ. דעם שטייער האַלט און וואַך.
און ברויזט דער ים זיך אויף אַקעגן מיר — איך לאַך
פון צאָרן זיינעם מיט דעם וואָיענדיקן ווינט,
וואָס פייפט דורך אַלע מאַסטן און — פאַרשווינדט.

איך בין דיין קאַפּיטען און דו — מיין שיף.
דער ים ווערט רואיק און פאַרקלערט און טיף.
ער טראָגט אונז דרעמלדיק ווי צו אַ חלום — ווייט.
דאַן לעז איך אַן זיך אַן דעם באָרט. מיר שווימען, און דער ים איז ברייט.
איך האָב ליב די קליינע כוואַליעכלעך באַדעקט מיט בלוי,
בלוי דער ים און בלוי דער הימל איז, די לופט אַפילו איז בלוי אַזוי.

דו ביסט מיין שיף און איך — דיין קאַפּיטען.
און וואָס עס זאָל צום סוף מיט דיר אויך נישט געשען...
ווען אַלע דיך פאַרלאָזן, זיך ראַטעווען געשווינד,

איך בלייב מיט דיר. דו ביסט מיין הײם, מיין ווייב און קינד.
און ווען דער לעבנסשטורעם באַוועלטיקט האָט דיך שוין,
אין רעטונגס־שיפל איז אַוועק דיין לעצטער נאָך פאַרשוין, —
איך איינער בלייב און זע מיין וועלט־אונטערגאַנג,
וואַרט ביזן סוף און האָב מער קיין פאַרלאַנג.

בראשית י״ח 23—38

אברהם, ער שטייט נאָך פאַרן בורא געבוקט,
ער טענה׳ט — און האָט זיך אַ טראָט נענטער געדרוקט.
„ווילסט פאַרטיליקן דעם רשע מיט דעם גערעכטן?
און אפשר זענען פופציק צדיקים אין שטאָט?
אָט די, וואָס דורות לאַנג געוואַקסן איז ביז נעכטן,
און היינט דעם גאַנצן ישוב אויסגעראָט?
„אַז פופציק צדיקים, לאָז איך זיי באַשטיין,
צוליב פופציק נעם איך אַראָפּ איצט מיין האַנט.
דער רשע מיט דעם צדיק, וועלן נישט פאַרגיין,
זאָל נישט געשטראָפט ווערן דאָס גאַנצע לאַנד.״
„איך שטיי איצט דאָ פאַר דיר, נאָר אַש און שטויב,
דאָך, מיין גאָט, דאָס וואָרט דערלויב,
ס׳זאָל גרייכן ביז צו דיר:
און אפשר פעלן פינעף, פינעף נאָר
צו דער רונדער צאָל, —
ווילסטו דערפאַר איצט מיטאַמאָל
אויסראָטן אַ גאַנצן דור?
אָ, זע אַהער צו מיר;
איך שטיי אָט דאָ און בעט...״
„קוים זענען פינעף און פערציק דאָרט פאַראַן —

פאַרבלייבן זאָלן גאַנץ די שטעט,
ס'בלייבן לעבן ווייב און מאַן."
„און ווען פערציק, פערציק בלויז?
אָ, גאָט, איך בעט — דו הער מיך אויס!"
„און צוליב פערציק בלייבן שטאָט און הויז
געשאַנעוועט, ריין גייען זיי פון שטראָף אַרויס,
„איך רעד דאָס ווייטער, האָב געדולד;
אויך צוליב דרייסיק נאָר, ווענד אָפּ די שולד".
„איך הער דיין וואָרט און איך פאַרגיב
די שולד אויך דרייסיק גערעכטע צוליב".
„איך בעט נאָך אַלץ, נעם נישט פאַראיבל מיינע רייד, —
און אפשר זענען צוואַנציק דאָרט גערעכטע לייט?"
„זאָל זיין די צאָל, נאָר צוואַנציק בלויז, —
איך לאָז באַשטיין די שטעט, אַ יעדעס הויז."
„און צען, מיין גאָט, און אפשר צען,
ווענד־אָפּ די האַנט, נישט אונטערגיין
זאָל סדום, קוים עס באַשטייט,
די שטאָט פון צען גערעכטע לייט!"
„קוים ס'זענען צען פאַראַן אין שטאָט,
נאָר צען, זי ווערט נישט אויסגעראָט."
דאָמיט האָט גאָט גערעדט צו ענד,
שטום האָט זיך אַברהם צו זיין צעלט געווענד.

פון אלטמאדישן שטערנדל

א.

ווילסט רייסן זיך אַריין אין וויטן רינג פון אייביקייט
מיט דיינעם אַ שפּאַן צייט, דו שטויב פון שטויבן,

דו זאַך, דו וווּנדיקע, וואָס פאַרגייט,
טראָגסט אַלץ דעם גלי אין דיינע בלוטן פון דעם גלויבן?

טראָגסט אַלץ דעם אמת אין דיין דמיון ווי אַן אבן־טוב,
אַ ריין פינקלדיקער, ווי די שטערן־ליכטער
אין פינצטערקייט דורך תהומים פון אין־סוף?
ביסט פאַרשיכורט פון אים און דו דאַרפסט ווערן ניכטער.

זע, ווי די אמתן די וועלט האָבן באַדעקט,
ווי אַ קלאָרן נאַכטן־הימל טויזנטער פון שטערן;
האָסט צווישן אַלע, דיינעם שוין אַנטפּלעקט —
אויב יאָ, וואָס וועט פון אים שוין ווערן?...

אַן ווען דער אמת איז נישט מער, ווי אַזאַ שטערן־שיין,
וואָס ציטערט צו מיר אין דעם וועלטן־טונקל.
רייסט זיך צו אים אַזאַ שטיק פון מיר און איך מוז גיין
דעם גאַנצן וועג צו אים, ווי לאַנג איך פיל אים נאָר, ווי לאַנג ער פינקלט.

ב.

איך וויל זיך שפּילן מיט דעם שטערן־שיין
און זאָל עס זיין אַ פוסטער שפּיל,
און זאָל עס זיין מיין שטערן־וועג — צום ציל —
וואָס ווינקט און רופט, אַז איך דאַרף צו אים גיין,
אַראָפּ צו מיר אין פינצטערניש פון נאַכט.
און זאָל עס זיין אַזוי דין, אַזוי שוואַך
דאָס אָרעמע, קאַלטע, ציטערדיקע ליכט,
וואָס כ׳האָב דערוויילט פאַר מיר צום ציל.
קוים אָבער פאַרמאַך איך די אויגן

ביז צו אַ שפּעלטל בלויז,
ציען די שטראַלן פון שטערן זיך אויס,
ווי טויזנטער גאָלדענע בויגן.

און זאָל עס זיין נאָר אַ שפּיל
אין מיין איינזאַמער נאַכט,
ווען איך אַליין און מיין האַרץ אין מיר וואַכט
און טיק־טאַקט אין מיר ווי אַ זייגער.
הויב איך אַרויף מיין מיד געזיכט
צום וויטן לעבעדיק ציטערדיקן ליכט.

דער שטערן שטראַל איז נישט וואַרעם נאָר קאַלט,
ברענגט קיינעם נישט קיין נוצן.
איין שייט האָלץ איז מער ווערט פון אים,
וואָס מען צעהאַקט און מען צעשפּאַלט
צו אַ פייער, אַז פונקען זאָל שפּריצן.
אָבער אין דער נאַכט איז אַז דעם שטערן ערגער...

ג.

מיך ציט עס אַלץ צו יענעם שיין,
איך וויל דערפון נישט לאָזן.
איז דען גאָר, אַז איך אַליין
בין נאָר פאַרנאַרט דערין,
ווי אַ קינד, וואָס האָט דערזען, אַז אַ שפּאַרע פון אַ לאָדן
האָט אַ זונען־שטראַל אַדורכגעלאָזן,
אַזאַ גאָלדענעם און אַזוי דין!
לויפט כאַפּן אים מיט די הענט,
— לויפט, אַזוי פריידיק! —
דעם שטראַל מיט גאָלד־קערנדלעך באַלאָדן,
שוועבט ער ציטערדיק אין טונקלקייט אַריין,
דער גינגאָלדענער שיין.

און גאָר צו אַלע ענד
טאַנצט ער מיט ליכטיקן חן.
און די הענטלעך פון קינד — בלייבן ליידיק.

ד.

דער ס״ם, ימח־שמו, האָט מיט אַ נאָסן טינטן־שוואָם
אַ פּאָר געטון איבער גאָטס גאַנצן הימל
און אָפּגעמעקט, ווי פון אַ לוח אַלע שטערן:
נישטאָ מער אין וואָס שוין צו גלויבן.
האָט אין דער נאַכטן־פינצטערניש זיך אָפּגעריסן פון דער קייט,
ווי אַ הונט אַ בייזער,
דער שגעון,
און זיך אַ לאָז געטון!...
און ווו איך גיי און שטיי,
פאַרפאָלגן מיך די גרינע פאָספאָר־אויגן זיינע — — —
ניטע!
נישט פרעג אים: וואָס איז דאָס?!...

ה.

קאָן זיין, אַז דו ביסט לאַנג שוין אויסגעלאָשן,
ביסט נאָר אַ זכר פון אַ לעבעדיקן ליכט,
אַז צ׳ריק מיט טויזנטער שוין יאָרן
איז אויסגעגאַן דיין פונק און ביסט נאָר זיין געזיכט,

וואָס וואַנדערט אין ענדלאָזיקייט פון שטח,
דאָ צו מיר אין פינצטערניש אַראָפּ.
נאָר ווו דו ביסט, צו דיין שטראַל דעם ריינעם
הויב איך האָפערדיק מיין קאָפּ.

דו וועקסט דאָך וואָס: עס רודערן די בלוטן,

מײן האַרץ װיל אַלץ נישט בלײבן שטיל.
אַ בענקשאַפט קומט, און מיט איִם אַ גלױבן,
און װידער בלײבט עס בײַ דעם אַלטן שפּיל.

*

איז עס פֿרײד, איז עס אַ גליק?
אַ געפֿיל צעקלינגט זיך ציטערדיק
און עס צעטראָגט זיך, װי אַ ניגון איבערן שטילן טײַך.
איז עס פֿרײד, איז עס אַ װײ?
און מײנסט, ס'איז פֿאַר דיר פֿרעמד און נײַ.
אַ װאַרעמער שטראָם דורך דײַן געמיט: אי צאַרט, אי װײך,

און ס'איז דיר גוט אַזױ — נישט גוט...
דער אומרו טרײַבט — און װאָלסט גערוט,
און קערסט זיך אום, ס'טוט דיר נאָך עפּעס באַנג.
איז עס אַ גליק? איז אַ לײד?
דו װילסט און װילסט נישט זײַן באַפֿרײט...
ס'װיבּרירט אַ קלאַנג אין דיר עכאָדיק און לאַנג.

*

װעמען קען מען האָסן מער, װי דאָס אײגענסטע, דעם נאָנטסטן?
ער דאַרף נישט קלערן נאָר װי דו, ער דאַרף אױך פֿילן.
...און קוים אַ קלײנער נישט־פֿאַרשטײן,
צעװאַקסט זיך עס, װי טאַמעס אױף אַ שטראָם,
װאָס האַלט דעם װאַסער־פֿלײץ אױף אין זײַן גאַנג,
װעלכער ברױזט און בושעװעט און שױמט און רײַסט זיך
באַלד אַריבער.
אַזױ צערײַצט זיך אין דעם אַנדערן אַקעגן יעדן װידערשטאַנד

דער שטראָם געפילן. אַקעגן דעם, וואָס האָסט געמיינט,
אַז — ווער נישט ווער — ער האָט באַגריפן דיך אין גאַנצן.
דאָך דיין וועלט פון אייגענע פאַרשטעלונגען
און דער לעבעדיקער דרויסן
גייען נישט אויף גלייך די זעלבע רעלסן.
אַמאָל קרייצן זיי זיך אומפאַרהאָפט:
און עס געשעט. (נישט איינמאָל)
אַזאַ צוזאַמענשטויס.
און שטיקער פליען פון אילוזיעס חרובע און לעבעדיקע געפילן...
עס צעפלאַקערט זיך אַ הויכע פלאַם
פון קורץ דויערדיקן האַס.

---

*

איז דאָס לעבן אַ וועג אַזאַ גלאַטער,
צי אַ שטעגל פון שטרויכלונג, פול גריבער, —
צי אפשר גאָרביידע צוזאַמען? — —
מיר דוכט זיך, אויף פליגל פון טרוים און פון בענקשאַפט
איז גלאַט יעדער וועג, מע קען אַלעס אַריבער.
אַפילו אויך יאושס פאַרניכטענדע פלאַמען.

מיר דוכט זיך די וועלט איז נישט קיין מאָזאַיק
פון שטיקלעך, פאַרשידענע פאַרבן.
מיר דוכט זיך: ז׳איז איינס, נאָר צעשפרונגען.
אַ גלעזערנער גלאָק מיט צאַרט דינער הילע
און פלוצים געוואָרן איז — שאַרבן.
כ׳וויל כאַפּן דעם טאָן פון זיין גאַנצקייט
— איז מיר נישט געלונגען.

עטלעכע שלוסווערטער

בערך מיט אַ האַלבן יאָר צוריק איז דאָס ביכל איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק. דאַמעלס איז דער טראַגישער גורל פון דעם יידן נאָך געווען נישט אַזוי מוראדיק און יאושדיק. דער חורבן פון דעם פוילישן יידנטום, ווי אַ שרעקלעכער מבול האָט זיך נאָך נישט געוויזן מערב זייט אויפן האָריזאָנט. דאָס, וואָס איז אין משך פון דעם צייטאָפּשניט, וואָס דאָס ביכל איז אויסגעזעצט געוואָרן און איבערגעגאַנגען אין דרוק — און כמעט פאַרטיק געוואָרן — איז געקומען דער חורבן, די פאַרפלייצונג און אָפּגעמעקט דאָס גאַנצע גייסטיקע און פוילישע יידנטום, מיט וועלכן איך בין געווען אָרגאַניש פאַרבונדן. די וועלט־געשעענישן יאָגן אין גוואַלדיק מאָטאָריזירטן טעמפּאָ, אַזוי אַז דער אויסזיכטספּונקט דער נעכטן־אויף־דער־נאַכטיקער, פאַרלירט אין דער פרי זיין שטיצפּונקט. אַזוי איז געשען אויך מיט דעם פאַרלאַג פון דאָזיקן ביכל. עס דערשיינט אונטער דעם נאָמען פון אַ פאַרלאַג, וועלכער עקזיסטירט שוין מער נישט, גלייך מיט אַלע פאַרלאַגן אין פוילן. (ווען איך שרייב די דאָזיקע ווערטער, פרעגט זיך אַ שאלה: אויב דער רעדאַקטאָר פון דאָזיקן פאַרלאַג איז בכלל נאָך ביים לעבן?) דעם באַשלוס אַרויסצוגעבן דאָס ביכל האָב איך דאָך נישט געוואָלט ענדערן. אַפילו די צייט איז גאָרנישט פּאַסיק פאַר אַ יידיש בוך און פאַר אַ יידיש לידער־ביכל אַוודאי נישט. אפשר וועט זיך דאָך אויף דער גאָרער וועלט וועלן אָפּרופן מיט אַ ווידער־קול אויפן רוף פון מיין ליד דורך דעם געבראַזג פון באָמבע און האַרמאַט און געשריי פון מענטשלעכן פּיין.

זאָל דאָס פאַרענטפערן די קוריאָזיטעט פון דערשיינען פון דאָזיקן בוך.

ל. פּ.

שכ׳ באָראָכאָוו, אָנהויב נאָוועמבער 1939.

אינהאלט:

היימישקייטן

ייד און היים 5
מיר וועגנבויער 6
* 7
* 8
רעמיניסצענצן 8
מיין צריף 10
אַרבעטסלאָזער אין דער מושבה 11
אין שטאָט 12
מיין ליד האָט זיך צעזונגען 13
די האָנט 14
ביים אָנהויב שמירה 15
קעלניע און ביקס 16
אויף ירושלימער וועג 18
צום ברידערלעכן שכן 19
* 20

נאָענטס

די איבעריקע צאָל 23
היימפּאַרלאָרענע 24
לעצטע פרייהייטס־קעמפער 25
שפּאַניעס פאָלק 27
ביי אַ בלאַט־צייטונג אין בלאָטע 27
אַקאָרדן ביים פאַלן פון באַרצעלאָנע 28
ביי פרעמדער גרענעץ 30
* 31
מיין זעל איז פון ספקות צעריסן 32
עקדה 33

מאַן ־ קעפּ 34
אַרבעטסלאַז ־ דעמאָנסטראַציע 35
פאַרבנבאַלאַדע 36
וועק־ליד 37
אַ טאָג אַ לײדיקער 39
באַגריפן 40

דער ייד אויפן קרייץ

דער ייד אויפן קרייץ 43

כלערליי

ווידערקומען 57
וועג און שטעגן 57
אין אַ לײַכטן דרימל 60
חלום ־ באַלאַדע 61
דער אוצרות־שליסל 62
מײַן שטעגל 63
אילוזיע 66
* 67
* 68
דו ביזט מײַן שיף 69
בראשית י״ח 23—33 70
פון אַלטמאָדישן שטערנדל 71
* 75
* 75
* 76
עטלעכע שלום־ווערטער 77